STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04357

# DER GROYSER GENITS, ODER, A NUDNER TOG IN NYU-YORK

Der Tunkeler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער גרויסער גנבֿ

אָדער

# אַ נודנער טאָג אין ניו־יאָרק

# דער גרויסער גנביץ

אָדער

# אַ נודנער טאָג אין ניו־יאָרק

אַ הומאָריסטישע דערציילונג

פון טונקעלן

שרייבער־פֿאַרלאַג

1948

# DER GROYSER GENITZ
## oder
## A Nudner Tog in New York
By Tunkel

Copyright, 1948

158
Printed in the United States of America

# פֿאָרוואָרט

איז געקומען דער זומער־לעב. איז געקומען די צייט פֿאַר מיר צו נעמען וואַקיישאָן. גאַנצע דריי וואָכן וואַקיישאָן וויל מען מיר געבן אין מיין אָפּיס פֿון ריעל עסטייט, וואו איך אַרבעט אַלס בוכהאַלטער.

האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע, וואָס וועל איך טאָן גאַנצע דריי וואָכן? מיט וואָס וועל איך אויס־פֿילן מיין פֿרייע צייט?

איך בין זייער אַ געטרייער און איבערגעגעבענער בוכהאַלטער, איך האָב ליב מיין פֿאַך אהבת נפֿש. און נאָך אַ זאַך וועל איך אייך אויס־זאָגן בסוד, אַז די צייט פֿון ליבע, פֿלירט, ראָמאַנסן איז פֿאַר מיר פֿאַרי־בער און דאָס גליק „פּרויענצימער״ איז שוין פֿאַר מיר פֿאַרביי. ס׳הייסט איך האָב אַפֿילו מיט עטלעכע יאָר צוריק יאָ געהאַט אַ ליבע. זיך אַרומ־געפֿירט מיט עפּעס אַ מויד, נאָר באַלד האָט עס זיך דערעסן. און אין אַ קורצע צייט האָב איך עס אַוועקגעוואָרפֿן... גיי שלעפּ זיך אַרום מיט עפּעס אַ פֿרעמדער נקבה. רעד מיט איר אינטעליגענטישע געשפּרעכן, איידעלע געדאַנקען וועגן שמערץ און ליידנשאַפֿט — פֿאַרברענג מיט איר, גיי אויס מיט איר, זיץ מיט איר אויף בענקלעך קעגן דער לבנה. פֿיר איר אין די מואוויס, צערטל איר, קאַרמע זי מיט קענדי, גלעט איר, קוש זי, פֿיר זי אָפּ אַהיים... אַ ליבע זאָל איך פֿירן. שפּילן ראָמאַנען! אַז ברענען זאָלן די ליבעס מיט די ראָמאַנען אינאיינעם!...

איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך הויב בכלל נישט אָן צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס אַ וועלט האָט זיך אַזוי איינגעליאַפּעט עפּעס אין אַ משוגעת און מאַכט דערפֿון אַ גאַנצן צימעס. ליבע און ליבע! און פֿונוואַנען האָט זיך דאָס גענומען? ווער האָט עס אויסגעטראַכט — פֿרעגט מיך אַ בייזע וועטשערע. נעמסט לייענען אַ צייטונג, איז זי פֿול מיט ראָמאַנען און ליבעס; מיט מעשׂות וועגן בחורים און מיידלעך. נעמסט לייענען אַ ביכל, ווידער אַ מעשׂה פֿון אַ זכר און אַ נקבה,ביידע האָבן זיך פֿאַרליאַפּעט אין אַ ליבע. נאָר מילא, די שאַרלאַטאַנסקע שרייבער, וועגן וואָס דען זאָלן זיי שרייבן?? אָבער די סעריאָזנע! די לייטישע!

אַט נעמט, למשל, טאָלסטאָי, דאַכט זיך אַ לייטישער מענטש, אַ גראַף, אַ פילאָזאָף און אַ וועגעטעריאַנער, טראָגט אַ לייוונטענע העמד און אַקערט די ערד און רעדט אויך וועגן מאָראַל, אמונה־זאַכן און „ראַבאַטשי וואָפראָס" און טראָגט אַ באָרד ווי אַ ראָש־ישיבה, איז וואָס זשע שרייבט ער? ווידער אַ ליבע. אַ בחור האָט פאַרקאַכט אַ קאַשע מיט אַ שיקסע און עס טוט זיך מעשים!... און אַזוי אויף דער גאַנצער וועלט. אין טעאַטער, אין די מאָווי־פיקטשורס, דו זעסט אַ דראַמאַטישע טראַגעדיע. עס טוט זיך חושך! מען שיסט זיך, מען הענגט זיך. וואָס איז? אַ מאַנספערשוין אין אַ נקבה האָבן זיך פאַרליבט. הערסט זינגען אַ לידל, צי אַפילו אַ גאַנצע אָפּערע, צי אַ כאָר, וועגן וואָס זינגט מען? וועגן ליבע. אַמאָל זיצסטו אין טעאַטער, הערסטו ווי די אַקטיאָרשטשיקעס רעדן, אַ טאָג מיט מיטוואָך, ער רעדט, זי רעדט, מען באַלאַבעטשעט אַ גאַנצע נאַכט. און וועגן וואָס רעדן זיי? וועגן ליבע. וואָס זשע איז דאָ וועגן וואָס צו רעדן אַזוי לאַנג? עס פּאַסט צו זאָגן ווי די גאַנצע וועלט וואָלט ניט געהאַט קיין אַנדער קלאָפּאָט אויפן קאָפּ ווי ליבע. אַדרבה, גייט זיך אַמאָל דורך, לאָמיר זאָגן, אויף סעקאַנד עוועניו, אָדער אויף בראָדוועי צי גאָר אויף ריווינגטאָן סטריט אין אַ ראָש־אוער. מענטשן לויפן דאָ אַרום ווי צעדולטע, פאַרהאָוועט, פאַרטאַראַראַמט. עס קאָכט ווי אין אַ קעסל. שטעלט אָפּ אויף טשיקאָוועס אַ יידן און פרעגט אים: ר' ייד, וואָס איז דאָס יאָגעניש, וואָס איז דאָס שמייעניש? עפּעס אַ ליבע צי אַ ראָמאַן? וועט ער אייך אָנקוקן ווי אַ משוגענעם. ער וועט אויף אייך אויסלופען אַ פּאָר ווילדע אויגן און ענטפערן: „משוגע צי חוסר־דעה?" און ער וועט אויסשפּייען און אַנטלויפן. פאַרוואָס? ווייל ער לויפט גאָר נאָך אַ זעקל ציבעלעס, ער זוכט אַ דזשאָב. ער האָט צו טאָן מיט אינקאַם־טעקס, אין דער היים וואַרט אַ ווייב מיט פינף קינדער. ער איז קראַנק, ער דאַרף מאַכן אַ לעבן, ער דאַרף חתונה מאַכן אַ

טאָכטער, ער דאַרף כאַפּן אַ גמילת חסד, דער קאָפּ גייט אים כאַדאַראַם און איר דרייט אים אַ ספּאָדיק מיט ליבע.

ליבע — אפשר פאַר אַקטיאָרטשיקעס איז עס אַן עסק. מען זאָל זיך ליבן, קושן, קריגן זיך, מען זאָל זיך שטעכן מיט שווערדן, קריכן אויף די גלייכע ווענט צוליב אַ מיידל נעמען זיך דאָס לעבן. זיי האָבן עפּעס אַנדערש צו טאָן ?... אָבער אַן אַנשטענדיקער מענטש אַ ייד אַ בעל־הבית מיט אַ קילן שכל וועט זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן ?! טפו !

ובכלל פאַרשטיי איך נישט וואָס הייסט, נעמען זיך דאָס לעבן צוליב אַ מיידל ? וואָס איז נאָך אַפילו נישט דיין ווייב. און ניט דיין שוויגער. אַט אַז דו וועסט חתונה האָבן און זי וועט ווערן דיין ווייב. און זי וועט דיר מזכה זיין מיט אַ שוויגער און זי וועט דיר געבן די וועלט צו זען, קען טאָקע קומען, אַז מען זאָל זיך נעמען דאָס לעבן. אָבער אַזוי מיר נישט דיר נישט אָנטון זיך אַ מעשה צוליב אַ מיידל. וואָס איז אַפילו נישט דיין ווייב — איז דאָך טאַקע אַ משוגעת, פונדעסטוועגן בין איך אַליין אַריינגעפאַלן — גענומען און חתונה געהאַט.

מיין ווייב איז אַפילו געווען אַ וואויל ווייבל, אַ שיינע און אַפילו אַ בלאָנדע. נאָר וואָס דען ? זי האָט נישט געהאַט קיין חוש פאַר בוכ־האַלטעריע און מאַטעמאַטיקע. קיין ברעקל זין פאַר אַ חשבון. איך פלעג מיט איר טענהן :

— געוואַלד, גנענדל־עליזאַבעט (גנענדל־עליזאַבעט האָט זי געהייסן) ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ פרוי אַ באַלעבאָסטע וואָס פירט אַ באַלע־באַטישקייט, זאָל נישט האָבן קיין חוש פאַר פינאַנסן; נישט וויסן וויפל עס טרעפט אָן די ריכטיקע הכנסה און די ריכטיקע הוצאה און דער עיקר פון דער אונטערשטער שורה, וואָרים דער צוועק פון לעבן איז דאָך די אונטערשטע שורה. איך בין זיכער, אַז נישט איין מאָל האָט דיך דיין קרעמער אָפּגענאַרט, נישט געגעבן דעם ריכטיקן טשענדזש...

איינמאָל האָב איך אַליין געפּרואווט דורכקוקן אַ חשבון און האָב געכאַפּט אַז עפּעס איז דאָ אַ טעות.

— זעסט — זאָג איך צו מיין ווייב — אַז איך האָב שוין געכאַפּט דיין גראָסערי־מאַן אין אַ גרויסן טעות. וואָרעם דער חשבון איז אַ פּשוטער: פּאָר צוועטאָטשני טיי 6 מיט דריי אַכטל, צום פּרייז פון 1 דאָלער מיט 10 סענט אַ פונט, מאַכט אויס, אַחוץ דעם פּראַכט און פּאַקן 1 דאָלער 13 צענטל מיט אַ האַלבס אַ פונט. 8 פּראָצענט ראַבאַט, דאַרף ער דיר רעכענען פּאָר אַ פערטל פונט צוועטאָטשני טיי 21 סענט מיט אַ האַלבס. און ער האָט ביי דיר גענומען 25 סענט. דערצו האָט ער דיר די קען פּיקלס מיט דעם מאַסטאַרד גאַרנישט אָפּגעשיקט. פאַרוואָס — זאָג איך — זאָלסטו אַליין נישט קאָנטראָלירן אים יעדן טאָג?

איז דאָך גוט, האַ? איז עס ביי איר נאָך נישט געווען אַנגעלייגט, געווען ברוגז: „אַקאַקי אַקאַקיעוויטש” האָט זי מיך גערופן — דאָס איז אַ העלד פון עפּעס אַ רוסיש ביכל, אַזאַ שלימיאל...

אַ יידענע בלייבט אַ יידענע. ווי זאָגט שלום עליכם: נשים דעתן קלות. האָב איך זי אָפּגעגט...

אויף מאָרגן האָב איך גלייך חרטה געהאַט.

— שוטה בן פּיקהאָלץ — האָב איך זיך געמוסרט — און אַז אַ ווייב פאַרשטייט נישט קיין מאַטעמאַטיק, און אַז זי רופט דיך אַקאַקי אַקאַקיעוויטש איז מה רעש? איז דאָך נאָך פרייליכער... דעמאָלט איז דווקא נישט נודנע אויף דער וועלט און אַז גאָט וועט העלפן זי וועט דיך יאַדען איז דאָך גאָר גוט! ערגעץ־וואו איז דאָך באַוואוסט אַז אָדם הראשון האָט זיך אויך אַרומגעדרייט אין גן־עדן ווי אַ נעכטיקער און זיך שטאַרק גענודיעט; ביז גאָט האָט אויף אים רחמנות געהאַט און

אים געשאַפן פון זיין ריפ אַ ווייב חוה, זי זאָל אים יאָדען, דאַקוטשען און פאַרשאַפן אינטערעס. דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן סקאַנדאַלן מיט עפּל, מיט שלאַנגען, מיט קליידער, מיט פייגנבלעטער, מיט סצענעס, מיט גראַסעריס, מיט חשבונות, מיט יאָדעניש מיט צער פון קינדער, ביז מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון קעמפּ „גן־עדן". און — עס איז געוואָרן לעבעדיק!...

האָב איך געזוכט אַ ווייב, וואָס זאָל מיך יאָדען. האָב איך נישט געקענט פאַקן. ווייבער האָבן אַ טבע, אַז זיי דערפילן אַז דער מאַן וויל, אַז מען זאָל אים יאָדען ווילן זיי דווקא נישט. זיי פאַרגינען נישט, אַז דער מאַן זאָל האָבן אַ ביסעלע פאַרגעניגן, און נחת אין לעבן.

האָב איך אינגאַנצן אויפגעגעבן דאָס זוכן אַ ווייב און בין מיר פאַרבליבן אַן איינזאַמער מענטש, און עס וואָלט מיך נישט געאַרט, נאָר עס איז נודנע און לאַנגווייליק אַז גאָט זאָל רחמנות האָבן. בשעת מען אַרבעט איז נאָך אַ האַלבע צרה, אָבער אַז מען הערט אויף אַ ביסל צו אַרבעטן און פראַווען וואַקיישאַן איז עק וועלט.

וואָרים די קאַנטרי־פאַרגעניגנס פון וואַקיישאַן נעמען מיך נישט. קיין קאָרטן שפּיל איך נישט, אויף פערד־רייסעס שפּיל איך אויך נישט און גאָלף ווייס איך נישט וואָס דאָס איז. מיט ספּאָרט פאַרנעם איך זיך נישט. איך האָב קיינמאָל פון דעם נישט געהאַלטן. באָדן זיך, פיש כאַפּן, קריכן אויף בערג, לאַדקעווען זיך — דאָס אַלץ, האַלט איך, פאַר אַן איינגערעדטע קרענק: וואָרים לאַדקעווען זיך איז ביי מיר אַלע מאָל געווען אַן אַפּקומעניש און אַ פחדיקע איינשטעלעניש. נאָך בחורוויז אַז איך פלעג זיך אַריינזעצן אין אַ לאָדקע, פלעג איך אַלץ קוקן אַהינצו צו יענעם ברעג און פלעג בעטן גאָט אין האַרצן איך זאָל קומען אַהין בשלום... איך האַלט אַפילו נישט, אַז דאָס זאָל העלפן צום געזונט. איך האָב איינמאָל

געפֿרעגט מײנעם אַ באַקאַנטן ספּאָרטסמאַן צוליב וואָס ער מאַכט ספּאָרט, האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז דאָס טוט ער צוליב דעם ער זאָל באַקומען כּוח. האָב איך אים געפֿרעגט: צו וואָס דאַרף מען כּוח? האָט ער ווידער געענטפֿערט, כּדי צו מאַכן ספּאָרט, און צו וואָס דאַרף מען מאַכן ספּאָרט? כּדי צו האָבן כּוח און אַזוי כּסדר. איך האָב פֿון דעם נישט געקענט אַרויס־קריכן. פֿון דאַן אָן פֿאַרנעם איך זיך שוין נישט מער מיט דער דאָזיקער טפּשות.

און ווייטער „נאַטור", „לופֿט"־שמופֿט, דאָס איז דאָך סתם אַ רעקעט, אַ בלאָף. וועלכער בר־דעת האָלט עס פֿון אַזעלכע זאַכן? נאַטור, לופֿט — דאָס איז דאָך אַלץ אויסגעטראַכט פֿאַר די יאָלדן.

בלײַבט דאָס פּראָבלעם אַלזאָ ווידער אָפֿן: מיט וואָס זאָל איך זיך פֿאָרט פֿאַרנעמען? די דרײַ וואָכן וואַקײשאָן? קיין אַרבעט איז נישטאָ. קיין ווײַב זאָל דיך יאָדען איז אויך נישטאָ. ווי וועל איך אַריבערקומען דעם דאָזיקן אומגליק?

וואַקײשאָן גאָר?! אַלע צרות קלערן מענטשן אויס אויף דײַן קאָפּ! און רעדט מיט מענטשן, זאָגן זיי אײַך, אַז דער גרעסטער אידעאַל אין דער צוקונפֿט איז אַז מענטשן זאָלן אַרבעטן אַמווייניקסטן. הרגעט מיך איך זאָל פֿאַרשטיין דעם שכל פֿאַרוואָס מענטשן שטרײַקן צוליב העכערן געהאַלט און קורצערע אַרבעט־שטונדן. טפּשים. שטרײַקן דאַרף מען צוליב דער וואַקײשאָן־אַנשיקעניש. דאָס פֿאַרשטיי איך. ווײַל דאָס איז אַ מכּה שלא כּתובה בתּורה. עפּעס אַ קלייניקייט, אַרומגיין ליידיק.

אָט צוליב דעם, פֿאַרשטיי איך, אַז די אַרבעטער זאָלן שטרײַקן, פּיקעטעווען מיט פּלאַקאַטן און אויפֿרופֿן, רופֿן אין קאַמף קעגן דעם עקספּלאָאַטאַטאָר, — דעם באָס, וואָס מאַרדעוועט דעם אַרבעטער־קלאַס מיט וואַקײשאַנס.

קעגן אַלע קרענק, פּורעניותן, ווערן געזוכט מיטלען, עצות און סגולות. דאָקטוירים שרייבן אַרטיקלען, דערפינדער מאַכן דערפינדונגען, חכמים גיבן עצות און מענטשן־רעטער מאַכן פּראָגראַמען, אַלץ ווי צו העלפן דעם מענטשן אין אַ צרה. און ווי צו העלפן אַ מענטשן אויסצופּילן די ליידיקע צייט, אויף דעם פאַרטראַכט זיך קיינער נישט. עס ווערן געשריבן בראָשורן, מעטאָדן, האַנט־ביכער, ווי אַזוי אויסצוהיטן זיך פון שרפות, פון מאָסקיטאָס, פון וואַנצן און קאַקרוטשעס, פון זונען־שלאָקן, פון ים־קראַנקהייט, צאָן־ווייטאָג, געסט, און זאָל עס אײנער אָנשרייבן אַ בראָשור ווי צו נוהג זיין זיך אין אַ פוסטן טאָג. דאָס טוט קיינער נישט. אַ מענטש גייט אַרום שלינג און שלאַנג און קיינער טוט וועגן דעם גאָרנישט. קיינער זוכט נישט קיין עצה דערצו. אַדרבה, צי ווייסט איר אַ מיטל דערצו? צי האָט איר אַמאָל געזען עפּעס אַ ביכל, אַ האַנט־בוך צי אַ מעטאָדע ווי אַזוי אַרומצוגיין ליידיק, און ווי מען מאַכט עס? וועגן אַלץ שרייבן מענטשן ביכער, מען האַלט לעקציעס אין אַקאַדעמיעס: וועגן מעדיצין, וועגן אַלערליי סגולות, ווי צו באַקן, פאַרבן אַ בגד, ווי צו פאַרקאַמען זיך, ווי צו האַלטן אַ ספּיטש, ווי צו בראָקן לאָקשן, ווי צו זייערן אוגערקעס; וועגן אַלץ מאַכן מענטשן האַנט־ביכער, מעטאָדעס, גיבן אָנווייזונגען ווי צו רייטן אויף אַ פערד, ווי צו כאַפּן פיש, ווי צו שפּילן שאַך און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אָנצושרייבן עפּעס אַ בוך ווי אַזוי אַרומגיין ליידיק און גאָרנישט טאָן.

איך פאַרשטיי גאָר נישט פאַרוואָס די מענטשהייט זאָל טאַקע נישט לאָזן בויען אַזעלכע שולן. קינדער היימען מיט אוניווערזיטעטן און לערער און סעמינאַריומס, וואו מען זאָל לערנען דעם פאַך פון לעדיקגיין.

אַז איך וויים גאָרנישט וואו זאָל איך זיך אַהינטאָן מיט אַזוי פיל ליידיקע צייט? עס פּאַסט צו זאָגן, כאָטש נעם און ווער אויס אָטעאיסט און הויב אָן צו גלויבן אין גאָט און ווער פרום. וואָרים פון נאַטור בין

איך אַן אַטעאיסט און אַ פֿריידענקער, איך האַלט אַז דאָס וואָס מענטשן זענען רעליגיאָזנע און הויבן אָן גלויבן אין גאָט איז ווייל עס האָט זיי דערעסן אַרומצוגיין ליידיק. אָדער עס איז זיי אונטערגעקומען אַ וואַקיישאָן, און עס איז נישטאָ מיט וואָס אויסצופֿילן די צייט. ווארים אַז מען גלויבט אין גאָט איז פֿאַרט פֿאַראַן עפּעס צו טאָן, פֿאַראַן עפּעס אַ שטיקל צייט־פֿאַרטרייב. מען גייט אין שול, מען כאַפּט אַ ברכו, מען זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, מען הערט אַ מגיד. אַוודאי איז זיי גוט. אַ געוויינטלעכן מענטשן איז גוט. אָבער וואָס זאָל איך טאָן? איך בין דאָך אַן אַטעאיסט און אַ בוכהאַלטער, מיר דאַרף מען אַלץ באַווייזן מאַטעמאַטיש... קענט איר מיר באַווייזן אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר? קענט איר דאָס מיר באַווייזן? ניין? טאָ וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט איר צו הייסן מיך ווערן אַ גלויביקער? האַ?

איינער אַ קלוגער מענטש און אַ מומחה אין ליידיק־גיין האָט מיר אַפֿילו יאָ געגעבן אַ גוטע עצה, ווי אַזוי אויסצופֿילן אַ גאַנצן טאָג מיט גרויס נוצן. דהיינו — ראָט ער —, איך זאָל דעם ערשטן האַלבן טאָג טראַכטן און זאָרגן וועגן דעם ווי צו פּוסט־און־פּאַסטעווען און ליידיק־גיין דעם אַנדערן האַלבן טאָג און אַזוי אַרום וועל איך אַ גאַנצן טאָג זיין באַשעפֿטיקט.

עס האָט שוין געהאַלטן אַפֿילו אַזוי, אַז איך זאָל דעם גאַנצן וואַקיישאָן אָפּשרייען און זיך אַרויסדרייען. — ווי להבדיל ביי אונדז אין דער היים, אין פּוכאָוויץ — איך בין פֿון פּוכאָוויץ, בין איך — פֿון פּריזיוו.

איך בין אַוועקגעגאַנגען אין אָפֿיס, וואו איך אַרבעט און זיך געבעטן דאָרט ווי ביי גזלנים:

— האָט אויף מיר רחמנות און באַפֿרייט מיך פֿון דעם דאָזיקן מאַרטירעלאָגיע־וואַקיישאָן! — וואָס ווילט איר איך זאָל שטאַרבן פֿאַר

דער צייט? איך דאַרף נישט קיין נאַטור און דאַרף נישט קיין לאַנד־שאַפטן, איך דאַרף זיך נישט ערהאָלן. איך וויל נישט זיצן אויפֿן שויס פֿון דער נאַטור. אַז די איינציקע ביסל לופֿט וואָס איך האָב ליב, איז — די גומענע לופֿט־קישעלע, וואָס האָט אַ לאַך אינדערמיט, וואו איך זיץ געבויגן מיט מיין הכנעהדיקער פּליצע. מענטשן זאָגן אַז איך האָב אַ קרומע פּלייצע, איך ווייס נישט, איך האָב מיין פּלייצע קיין מאָל נישט געזען — איך שרייב מיר מיינע חשבנות. זאָגט צו מיר דער באָס אַז איך מוז פֿאָרן אויף וואַקיישאָן ווייל עס איז דאָ אַזאַ לאָ פֿון דער יוניע, פֿון דעם לייבאָר־דעפּאַרטמענט, פֿון באָארד אָוו לייבאָר און נאָך אַזעלכע מלאכי הבלה.

בין איך געלאָפֿן אין אַנדערע ערטער. געזוכט אַפֿילו פּראָטעקציע מען זאָל בטל מאַכן די גזירה. האָט עס געהאָלפֿן — ווי אַ טויטן באַנקעס.

נו, מילא. אַז מען רעדט פֿון גזירות איז דאָך נישט שייך — האָב איך זיך אונטערגעגעבן. יידן זיינען איבערגעקומען גרעסערע ענוים און צרות, וועל איך דאָס אויך איבערקומען...

אָבער ווי וועל איך פֿאָרט איבערקומען דריי וואָכן שלינג־און־שלאַנג, בלייבט נאָך אַלץ אַ האַרבע פּראָבלעם, וואָס איז מיר געבליבן שטעקן ווי אַ ביין אין האַלדז, נישט אַראָפּצושלינגען און נישט אויסצו־שפּייען. איך בין געוועזן אויס מענטש.

האָט איינער פֿון די אָפֿיס־מענטשן, מיסטער וואַנסעדריי פֿון כאַרבין, אַ מענטש אַ שטיקל לץ, זיך אַריינגעמישט און גענומען מיך טרייסטן:

— פֿרע אָדם, וואָס דו ביסט! — זאָגט ער צו מיר — דו נעמסט וואַקיישאָן, שמאָגעגאַ, ווערסטו דאָך אַ גאַנצער יאַטעבעדאַם. אַ רייזנדער, אַ טוריסט, אַ גלאָב־טרעטער.

— וואָס וועל איך ווערן?

— אַ גלאָב־טרעטער. וועסט טרעטן די ערד.

— וואָס וועל איך טאָן?

— די ערד וועסטו טרעטן.

— די ערד וועל איך טרעטן? און וואָס וועל איך אויסטרעטן? געהערט אַ ביסל?

— וועסט מאַכן אַ רייזע און אויספאָרן אַ וועלט: קאַלקוטאַ, סטאַמבול, באַנקאָק און בעסאַראַביע.

— וואָס וועל איך דאָרטן טאָן אין יענע מקומות? איך וועל דאָך דאָרטן פייגערן פון ערגעניש.

— וואָס פאַר אַן ערגעניש? אַדרבה, דו וועסט אָנזען אַ וועלט און לעבן ווי גאָט אין אָדעס, זיך באַגעגענען מיט אַ סך שבטים און פעלקער און אַלערליי נאַראָדן, אינדיאַנער, מעקסיקאַנער, קאַברינער און נאָך און נאָך... הייגט די רייזע אַליין וואָס איז ווערט. קוקסט אויף קאַרנאַוואַלן און די קאַרנאַוואַלן קוקן אויף דיר. פאָרסט אויף שיפן און די שיפן פאָרן אויף דיר... פאָרסט זיך אויף אַ שיף, לאָמיר זאָגן, אויפן קאַראַבעאישן ים המלח. ליגסט זיך אויפן אויבערדעק אין אַ ליג־שטול, פאַרברענגסט מיט אַלערליי מוידן: שוואַרצע, ווייסע, געלע, גרינע, פאַפולאַטע. טרינקסט מיט זיי דזשינדזשער־איל און פאַרברענגסט מיט זיי אין געשפּרעכן פון נאַטור־וויסנשאַפט, אָדער דו קלייבסט אויס גאָר אַ פרוי, לאָמיר זאָגן, אַ צעכירעזאָדע, באַזעצסט זיך מיט איר אויף אַן אומבאַזעצטן אינדזל אין לאַנג־איילאַנד און עסט מיט איר עקזאָטישע מאכלים, מאַמאַליגע, קישמיש מיט קאַקאָ־ניס, מיט כינעזישע טשאַפּסאַי און אַרמענישע שישקעבאַב.

— וואָס דאַרף איך טשאַפּסאַי מיט שישקעבאַב אַז אַ ביסל רומענישע מאַמאַליגע און היימישע פאַרפל־צימעס הייסט מיך דער דאָקטאָר אויך נישט עסן צו פיל.

זעט ער, אַז ער קען מיט מיר גאָרנישט מאַכן, נעמט ער און רוקט זיך אַוועק פֿון מיר און נאָך אים אַלע איבעריקע אַרום.

האָב איך ווידער גענומען טראַכטן: געטראַכט און געטראַכט פֿאַר־שיידענע פּלענער, און פּראָיעקטן ביז עס איז מיר איינגעפֿאַלן אַ גאָלדענער געדאַנק:

פֿאַרוואָס זאָל איך נישט נעמען און אָנשרייבן אַ בוך? איך ווייס נישט צי דאָס וועט זיך מיר איינגעבן, ווייל קיין גרויסער שרייבער בין איך נישט און קיין קאָפּ־מענטש אויך נישט. קיין אַטאָם־באָמבע האָב איך נישט אויסגעטראַכט און אַ בוך שרייבט מען דאָך פֿון קאָפּ. וואָס איז אַ רעקעט און אַ בלאָף. אויסטראַכטן מעשׂות פֿון קאָפּ וויל איך נישט. איך גלויב נאָר אין בוכאַלטעריע און אין ציפֿערן. אַלע מאָל האָב איך געהאַט דערצו אַ תּשוקה. גאָר אַמאָל בין איך געווען אין סמאָרגאָן אַ לערער פֿון בוכאַלטעריע דורך קאָרעספּאָנדענץ און היינט האָב איך זיך גאָט צו דאַנקען אַרויפֿגעאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ ריעל־עסטייט אָפּיס. אָט איך וועל אייך איבערלייענען מיין וויזיט־קאַרטע, וועט איר זען... „מעקס קימעל (מיין נאָמען) ריעל־עסטייט מענעדזש־מענט אינשורענס איידזשענטי סייל, מאָרגעדזש טראַנסאַקשאָנס און לייסענסט פּראָפּיט בראָקער, אויף 1637 עוועניו סי, קאָרנער טשעקער סטריט" דאָרט זיץ איך מיר אין מיין אָפּיס און אַרבעט מיר מיין בוכהאַלטעריע; האָב מיר פֿון מיין אַרבעט דאָבידעוועט אָן אייגענעם פּליך אויף מיין קאָפּ, וואָס מען קען זיך ביי אים ראַזירן, ווייל ער גלאַנצט ווי אַ שפּיגל. מיט אַ פּאָר שוואַרצע מאַנקעטן אויף די אַרבל. מיט אַ גרינעם דאַשעק איבער די אויגן, מיט אַ פּענסל הינטערן רעכטן אויער, אַ סיגאַרעטל הינטער דעם לינקן אויער — זיץ איך מיר און שרייב מיינע חשבונות. ציפֿערן, ציפֿערן, ציפֿערן. און האָב הנאה פֿון מיין פּרוכטבאַרן לעבן...

אַזוי טאָג נאָך טאָג. אַמאָל נעם איך אַ ביסל אַרבעט אַהיים אויף אָווער־טאַים און בין אַ גליקלעכער מענטש!

וואָס וועל איך איצט טאָן? און באַלד פּאַלט מיר איין אַ געדאַנק: איך וועל גאָר אָנשרייבן אַ בוך, אַ ראָמאַן, אָדער לידער — נאָר איך וועל אַריינפירן אַ נייעם סטייל — אַ נייע אינאָוויישאָן — איך וועל אַריינשטעלן שטיקער בוכהאַלטעריע אין מיין בוך. אויף איין בלעטל וועל איך שרייבן די מעשה גופא פון ראָמאַן, וועגן דער ליבע אָדער די היס־טאָריע פון דער מעשה און אויף אַן אַנדער בלעטל — אַ שטיק אַריפ־מעטיק אָדער אַלגעברע, צי אַזוי עפּעס אַ חשבון. איך מיין אַז דאָס וועט זיין אַ נייער אויפטו אין דער שרייבערישער פּראָפעסיע.

די שרייבער אָדער פּאָעטן באַקלאָגן זיך, אַז זייערע ביכער זענען אויף צרות, פאַרקויפן זיך נישט, קיינער וויל זיי נישט לייענען. וואָלטן זיי אָבער געטאָן ווי איך, וואָלט מען זייערע ביכער געריסן פון די הענט. ווען אַ פּאָעט וועט אָנשרייבן זיין בוך לידער לויט מיין פּלאַן: אויף איין בלעטל אַ ליד און אויף דעם צווייטן אַ שטיקל בוכאַלטעריע, אַ חשבון, אָדער אַן אויפגאַבע פון אַריפמעטיק, וואָלט זיין בוך געוואָרן אַ בעסט־סעלער.

צולעצט איז מיר איינגעפאַלן גאָר אַ געניאַלער פּלאַן: איך וועל שרייבן גאָר אַ טאָגבוך. אַלע מענטשן, וואָס האָבן נישט וואָס צו טאָן, שרייבן טאָגביכער, קעניגן, גענעראַלן, דיפּלאָמאַטן, מיניסטאָרן און אַנד. וועל איך אויך אָנהויבן שרייבן אַ טאָגבוך. וואו וועל איך נעמען אַ טעמע? טאָקע פון מיין וואַקיישאָן־צייט גופא. איך וועל טאָקע אָנהויבן פון מאָרגנדיקן טאָג. מאָרגן איז זונטיק. דער זונטיקדיקער טאָג ליגט מיר שוין לאַנג אין דיביינער און ס'איז אַ מצוה אים צו באַשרייבן. איך האַלט אַז דער זונטיקדיקער טאָג איז דער ערגסטער טאָג אין

מענטשנס לעבן. יעדעס מאָל ווען איך פּלעג דערזען דאָס רויטע בלעטל אויף דעם אַפּריס־קאַלענדאַר, פּלעגט מיר געבן אַ ביטערער טיאָך אין האַרצן. — שוין ווידער זונטיק! איך מיין אַז דער זונטיק אַליין מיט אַלע זיינע ליידן און אַנגסטן און נודנענישן קען קלעקן אויף אַ גאַנצן טאָגבוך פֿון טויזנט זייטן מיט צוויי פּראָלאָגן און דריי נעקראָלאָגן.

און אָנשרייבן אַ טאָגבוך פֿון אַ נודנעם וואַקיישאָן איז גראָדע נישט שווער און אַפּילו אַ דאַנקבאַרע אַרבעט. ממה־נפשך: ווער אַרויסקומען אינטערעסאַנט, וועט מען זאָגן: „אַט דאָס הייסט אַן אינ־טערעסאַנט בוך". און מען וועט מיך לויבן אין טאָג אַריין. וועט דאָס אַרויסקומען נודנע און לאַנגווייליק, וועט ש. ניגער לויבן: „אַך, וואָס פֿאַר אַ וואונדערבאַר ווערק! ווי נודנע דאָס איז, די פֿינגער צו לעקן. ווי ער האָט עס אויפֿגעכאַפּט די נודנעקייט, אַז עס איז ממש צו באַוואונ־דערן. ער וואַקסט אַ זשעני דער אויטאָר„ אסור אויב איך וואָלט עס אַזוי געקענט. איך, אַז איך שרייב אַן געניאַל נודעניש, איז לאַכט מען גאָר... מען פֿרייט זיך. אָבער ער, טונקעל, אַז ער שרייבט אַן אַ נודעניש, איז טאַקע אַ נודעניש פֿון זיין ליבן נאָמען. עס אָטעמט מיט נודנעקייט. ער איז פֿול מיט מיסטיש נודנעם רוח הקודש! זיין נודאָטע איז פּעט. גערדיכט, מיט די הענט אָנצוטאַפּן...

און איך שטעל פֿעסט דעריבער, אַז ער איז ווערט צו שטיין אין דער שפּיץ פֿון דער חברה וואָס האָבן זיך איינגעטיילט מיט די פּרעמיעס פֿון אונדזערע אנשי שלמינו וואָס פֿאַרוואַלטן איבערן פֿאָנד פֿון גרויסן געניץ.

אַלזאָ איך הויב אָן פֿון דעם זונטיק.

## זונטיק פֿון אַכט אינדערפֿרי ביז עלף ביינאַכט

איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט אַכט אַזייגער אינדערפֿרי. אין האַרצן האָט מיר גלייך אַ צופּ געטאָן מיט אַ ווייטיקדיקער דערמאָנונג וועגן מיין פֿאַרשטייענדיקן פֿאַרשאָלטענעם וואַקיישאָן. ס׳איז זונטיק, דער ערשטער טאָג פֿון מיין נייעם גלות.

נו יאָ, היינט איז זונטיק. היינט קען איך, צו מיין טיפֿן באַדויערן, ליגן ווי אַ גראַף, ווי אַ פּריץ און שלאָפֿן ווי לאַנג איך וויל. היינט דאַרף איך נישט גיין אין אָפֿיס און אַרבעטן איבער די ביכער מיט די אַנגענע־מע זיסע רעכענונגען און פֿאַרפּלאָנטערטע חשבונות. היינט איז זונטיק, היינט קען איך ליגן אין בעט און טראַכטן, זיך ציען און גענעצן און חלומען...

וואַרט נאָר, וואָס האָט זיך מיר געחלומט? עפּעס האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט היינטיקע נאַכט פֿאַרשיידענע חלומות. איך פּרוּוו זיך צו דערמאָנען און צונויפֿשטעלן אַ פּאָר חלומות. נאָר עט, עפּעס נאַרישע, פּוסטע און נודנע חלומות. קיין איין רעכטער אינטערעסאַנטער חלום און עס איז אַ שאָד. וואָרים נודען מיט חלומות וואָלט איך געקענט, ווי דער גרעסטער שרייבער.

איך האָב אויסגעצויגן מיינע פֿאַרשלאָפֿענע גלידער, זיך אויפֿגעזעצט אין בעט ווי אַ „קרומע נון״, אויפֿגעשטעלט די קני ווי צוויי קראַקוועס, אַרומגענומען זיי מיט מיינע שלאַבערדיקע, בוכהאַלטערישע הענט, געקוקט אויף די ברודנע פֿלעקן איבערן צעשפּאָלטענעם שפּיגל און געטראַכט:

יאָ, היינט איז זונטיק, יום־טוב, היינט בין איך צום באַדויערן אַ פֿרייער פֿויגל, היינט בין איך אויס שקלאַף; היינט קען איך טאָן וואָס איך וויל — הוליען, זיך ווײַלן און אַמוזירן — באַלד האָב איך זיך

געכאַפּט, אַז אַזעלכע גליקלעכע מאָמענטן וועל איך דאַרפֿן דורכלעבן גאַנצע דריי ביטערע וואָכן און אַ שווידערלעכער קלעם אין האַרצן האָט מיר אַ שלאָג געטאָן ביז צום חלושן.

---

אַ, דער אומגליקלעכער טאָג הויבט זיך אָן!

מיט דעם ערשטן האַלבן טאָג איז נאָך אַ האַלבע צרה: דעם ערשטן האַלבן טאָג קען מען נאָך אויספֿילן: וואַשן זיך, ראַזירן, אויסזוכן אַ פּאַסיק העמד, אָנצונייען אַ פּאָר קנעפּלעך וואו מען באַדאַרף נויטיק, צופּאַסן אַ קראַוואַט, וואָס זאָל זיך פּאַסן צום העמד, צופּאַסן אַ נאָז־טיכעלע פֿאַר דער אויבערשטער טאַש, וואָס זאָל פּאַסן צום קראַוואַט, ווי אַלע ריס־טאָקראַטישע אינטעליגענטן.

איך האָב מיך אויפֿגעהויבן פֿון בעט, אויפֿגעהויבן די שטאָרע פֿון פֿענצטער, אַרויסגעקוקט אין הויף אַריין. דער הויף איז אַ פּשוטער הויף, דער הויף פֿון מיין האָטעל „מאָנטע קאַרלאָ״, קאָלומבוס עוועניו, קאָרנער טשאָק־נאָט סטריט. דאָרט וואוין איך אין אַ צימער, אויפֿן זיבעטן פֿלאָר. דער הויף איז נישט קיין גרויסער, אַ שמאָלער, הויכער שטיינערנער קאַסטן מיט אָפּגעשיילטע ווענט, אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סך גלייכע, נודנע פֿענצטער, מיט אַ ליין פֿון וועש, וואָס טריקנט זיך פֿון איין ווינקל צום צווייטן און שאָקלען זיך ווי גייסטער אין אויסגע־לאָסענע פּאָזעס. אין יעדן פֿענצטער זע איך אַ סינק, ביי יעדן סינק זע איך אַ פּאַרשוין מיט אַ האַנטוך אויף די אַקסלען — איינער ענ־לעך צום צווייטן ווי צוויי טראָפּן וואַסער, ראַזירן זיך מיט דעם זעלבן סאָרט סייפֿטי־רייזאָר און מיט דעם זעלבן שטיקל „פּאַלמאָליוו״־זייף.

איך דאַרף זיך אויך ראַזירן. איך בין שוין אַ ביסל פֿאַרוואַקסן מיט אַ בערדל. ווייל פֿון זונטיק ביז זונטיק ראַזיר איך זיך נישט. איך באַטראַכט זיך אין שפּיגל. קיין גרויסער קראַסאַוועץ בין איך נישט. אַ האָריקע ברוסט אַ ביסל איינגעפֿאַלן און אַ בייכל וואָס טאַרטשעט אַרויס. און מיין נאָז איז זייער אַ שמאָלע און אַ דינע און ער זעט אויס ווי אַ ציפֿער 1. איך נעם זיך אויך ראַזירן.

אָפּגעראַזירט זיך, נעם איך זיך אָנטאָן אַ פֿריש העמד. מיינע העמדער גיב איך אין דער כינעזישער האַנט־לאָנדרי „סיי־קיי־פֿו״. אַ טבע האָט די דאָזיקע לאָנדרי צו צונויפֿלייגן אַ העמד זייער פּינקטלעך. זאָרגפֿעליק אַריינרוקן אַ שטיקל פּאַפּיר־קאַרטאָן אינדערמיט, צו צעשטעכן יעדעס פֿעלדל, יעדן קנייטש מיט פּינס. ביי יעדן ווינקל פֿון די אַרבל, ביי די מאַנזשעטן, קאָלנער, נאָרם, פֿון אויבן, אונטן — אומעטום פּינס. אָפֿילו דאָס פּאַק־פּאַפּיר איז אַרומגעשטאָכן מיט נאָדלען און פּינס. איך הויב אָן אַרויסנעמען די פּינס פֿון העמד און עס קלויבט זיך אָן ביי מיר אויפֿן טיש אַ היפּש בערגעלע מיט שפּילקעס. די דאָזיקע אַרבעט מוז געמאַכט ווערן זייער געניט און אויפֿמערקזאַם, איך זאָל ניט איבערלאָזן קיין איין שפּילקע אין העמד. מען זאָל זיך חלילה נישט איינשטעכן און זיך צעקאָליעטשען. עס איז אַפֿילו אַ מאַרודנע אַרבעט, נאָר עס שאַדט אָבער נישט. איך האָב צייט. עס איז דאָך זונטיק היינט! דער טאָג איז דאָך אַזוי גרויס! און לאַנג! און איך בין, ווי מיר, אַזוי פֿריי!... איך קען אַפֿילו איבערציילן די שפּילקעס — 1672 שטיק.

איצט טו איך אָן מיין דאָבל־ברעסטעד סורדוט. פֿאַר זונטיק האָב איך אַ דאָבל ברעסטעד־סורדוט, וואָס דינט מיר פֿאַר יום־טובים און לוויות. די טאַליע איז אַ ביסל צו הויך. איצט טו איך אָן אַ האַרטן קאָלנער וואָס איז אויך צו הויך און שמאָל, אָבער עס פּאַסט מיר.

איצט קומט אַ נייע שטיק אַרבעט: איבערלייגן אַלע חפצים פון די קעשענעס פון וואָכעדיקן סוט אין די קעשענעס פון זונטיקדיקן סוט. און דאָס איז אַ נודנע שטיק אַרבעט, וואָרים האָבן האָב איך אין מיין סוט אַ וועלט מיט קעשענעס. איך וועל אייך אויסרעכענען: אַכצן גרויסע, זעכצן קלענערע, צען מיטעלע, אַכט גאָר קליינטשיקע, זעקס פיטשעניונקע, זיבן טיפע און ברייטע, זיבן פלאַכע און שמאָלע, פינף וואָס פאַרשפּילען זיך אויף קנעפּלעך, פיר אויף קנאָפּקעס און דריי אויף זיפּערס. צוזאַמען איז עס פיר און אַכציק קעשענעס. און דאָס אַלץ מוז מען אויסליידיקן און איבערלייגן די חפצים פון איין סוט אין אַנדערן אַריין. איך טו דאָס געדולדיק, מחמת שטענדיק האָב איך צרות פון מיין שלעכטן זכרון; שטענדיק האָב איך אַ טבע צו פאַרגעסן עפּעס אַ חפץ אין קעשענע: איינמאָל פאַרגעס איך דעם שליסל פון טיר, אַ צווייט מאָל דאָס ביישטעלע מיט געלט. אַ דריט מאָל — דאָס קעמעלע, דאָס שפּיגעלע, וואָס פון איין זייט איז עס אַ קעמעלע און פון דער אַנדערער אַ בערשטל, דאָס שערעלע, דאָס מעסערל, דאָס נאָז־טיכל, די פען, דעם בלייפעדער, מיינע וויזיט־קאַרטעס, דאָס נאָטיץ־ביכל, דאָס לאָנדרי־צעטל, דאָס פּעקל ציגאַרעטן „פּאַל־מאַל״, די צווי קנעפּלעך וואָס איך דאַרף זיי אָנניייען, די צינד־מאַשינקע. איך פאַרגעס דעם טאַשן־זייגער מיטן קייטל מיטן אַמולעט, אַ פּענסיל, די פאַרשניץ־מאַשינקע. דאָס אַלץ מוז איך איצט איבערפּעקלען פון וואָכעדיקן סוט אין זונטיקדיקן.

אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, נעם איך שטופּן מיינע פּערלמוטערנע שפּינקעס אין מיינע מאַנזשעטן און מיינע פיס אין די געשטרייפּטע הויזן און דאָ בלייב איך שטיין אַ געפּלעפטער ביי אַ נייעם אומגליק.

מיינע הויזן פאַרהעקלען זיך ביים קראַק מיט אַ זיפּער. דער זיפּער פאַרהאַקט זיך אין סאַמע מיטן קראַק — נישט אַהין און נישט אַהער,

נישט אַרויף און נישט אַראָפּ — איך נעם מייסטרעווען ביים זיפּער מיט גרויס אייפער, אינזשיניערעווע מיט התמדה. איך באַוואונדער דערביי... דעם שכל, פון אַ „זיפּער" איך געדענק ניט ווי לאַנג איך האָב זיך גע־פּאָרעט ביים זיפּער אָבער אַרויסבאַקומען. אין אַן אַרבעטס־טאָג וואָלט עס געווען אַ קאַטאַסטראָפע, אָבער היינט בין איך צופרידן. אַראָגעשטופּט אַ שטיק טאָג! גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה...

איצט לאָז איך זיך גיין. איך לאָז זיך צום אַרויסגאַנג. דער עלע־וויטאָר־באָי זאָגט מיר „גוד מאָרנינג" און זאָגט מיר אַן די בשורה, אַז היינט איז אַ „לאָוולי דעי". ביי דעם נעקסטן שטאָק קומט אַריין נאָך אַ שכן און זאָגט מיר אַן די בשורה, אַז היינט איז אַ „לאָוולי דעי" און אַזוי ווייטער אויף אַלע איבעריגע סטאָפּס. אויף אַלע לשונות זאָגט מען מיר אַן אַז היינט איז אַ „לאָוולי דעי". ביי די ווייטערדיקע שטאָקן ווערט דער עלעוויטאָר אָנגעפּילט מיט טענענטס און אַלע רעדן וועגן וועטער. מען ציטירט דעם וועטער־נביא פון ראַדיאָ און אייגער ברענגט אַפילו אַרויס דעם וויץ פון מאַרק טווין: „אַלע רעדן וועגן וועטער און קיינער טוט וועגן דעם גאָרנישט". צוויי פאַרשוינען רעדן חכמות פון הינט. עס ווערט אַ געדרעדריי און פון מאַנכע פאַרשוינען טראָגט אַ ריח פון שלעכטן בראָנפן און ביליקן פּערפיום. דער עלעוויטאָר לאָזט זיך אַראָפּ צום סאַמע מיין־פלאָר. דער עולם גייט אַרויס. איך גיי אויך אַרויס מיט דער אינפאָרמיישאָן וועגן „לאָוולי דעי".

עס טריפט טאַקע אַ שיטער נודנע רעגנדל, ווי אַ נאַסער שטויב. עס נעמט דורך אַלע אברים. איך שטעל אויף דעם קאָלנער. איך קויף אַ צייטונג און דעק צו מיין קאָפּ, און גיי אַריין אין מיין שטענדיקן, גוט־באַקאַנטן „האָרן און האַרדט"־אויטאָמאַט צו עסן ברעקפעסט.

איך בין זייער צופרידן וואָס עס איז זונטיק. זונטיק האָב איך צייט דורכצופירן די גאַנצע פּראָצעדור און חכמה, וואָס מען איז מחויב דורכ־צומאַכן אין אַן אויטאָמאַט:

איך שטעל זיך ביים קאָונטער צו נעמען שפּייזן, דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב נישט קיין ניקלס און אין אַן אויטאָמאַט מוז מען האָבן ניקלס; אַן אַ ניקל איז מען אַ טויטער מענטש; לויף איך צו דער קאַסע, טויש אויס אַ דאָלער אויף ניקלס און לויף ווידער צום שפּייז־טיש. הייסט מען מיר נעמען אַ טאַץ און אַ ביסל זילבער. לויף איך צו דער זילבער־באַקס און נעם אַ לעפל, גאָפל, מעסער און די איבעריקע מכ־שירים. איצט לויף איך צוריק צום קאָונטער־טיש און שטעל זיך אין ליין.

איך באַטראַכט די אַלע פאַרשיידענע שפּייזן, קוק זיי איבער גענוי מיט זייערע פּרייזן און טראַכט, אַז היינט צוליב זונטיק באַדאַרף מען על־פּי־יושר עסן אַ לייטישן פרישטיק פון עפּעס גוטע, געשמאַקע און געהויבענע מאכלים. איך באַשטעל אַ גלאָז טאָמייטאָ־דזשוס, אָוטמיל, צוויי סקרעמבלד עגס מיט סמעש פּאָטייטאָס, אַ שיסעלע פלוימען סטיו. איצט לאָז איך זיך מיטן גאַנצן טאַץ מאכלים צו יענעם ווינקל, וואו מען קריגט געבעקס און קריג אַרויס אַ פּאָר זעמל מיט פּוטער. אָנ־געלאָדן מיטן גאַנצן האַרמידער שפּייזן (און ועל כולם, מיט מיין מאַנטל און קאַפּעלוש אויף די הענט אַלס צוגאָב, מחמת קיין הענגער אויף דער וואַנט איז דאָ נישטאָ, און די שטולן זיינען דאָ אַזוי קונציק געמאַכט, אַז מען קען אויף זיי גאָרנישט אויפהענגען... די אייגנ־טימער פון די דאָזיקע עס־און־טרינק־אינסטיטוציעס האָבן אָוועקגעלייגט גענוג איינפאַל, מי און חכמה אין זייערע אונטערנעמונגען, אַז עס זאָל פאַרן קאָסטימער נישט בלייבן חלילה קיין פּיצל אָרט וואו אויפצוהענגען אַ בגד, כדי דער קאָסטימער זאָל זיך דאָ חלילה נישט פאַרזיצן אַ ביסל לענגער...)

איך לאָז זיך מיט דעם גאַנצן טאַראַראַם אַנגעלאָדן ווי אַן אייזל צו זוכן אַ טישל. און אַ טישל אַ פֿרייען איז היינט אַ ביסל שווער צו געפֿינען, ווייל היינט איז זונטיק און זונטיק זיינען אַ סך פֿון די אַרו־מיקע רעסטאָראַנען און פֿוד־שאַפּס פֿאַרמאַכט. יגעתי מצאתי — אויפֿגעזוכט אַ פֿרייען פּלאַץ ביי אַ טישל לייג איך אַוועק מיין קאַפּעליוש אונטערן שטול, שטעל אַוועק דאָס עסן און דערמאָן זיך, אַז מען דאַרף נאָך עפּעס טרינקען. לויף איך צו דער וואַנט, וואָס פֿליסט מיט אַלערליי פֿליסי־קייטן, צאַפּ מיר אָן אַ גלאָז פּאַסטום אין אַ טאַס, וואָס אָן אַן אונטערטעצל. קיין אונטערטעצל איז היינט נישטאָ צוליב זונטיק. איך לויף צוריק צום טישל. אויפֿן וועג פֿאַרטראַכט איך מיך און בלייב שטיין, איך טראַכט: וואָס אַן ערך פֿאַר אַ מהלך איך האָב שוין דאָ דורכגעמאַכט. איך בין טשעקאַווע צו וויסן וואָס פֿאַר אַ שטרעקע איך בין שוין דאָ דורכ־געלאָפֿן פֿאַר דעם פֿרישטיק? לאָמיר זאָגן, אַז דער שטח פֿון זאַל, אין דער ברייט, טרעפֿט אָן פֿון איין זייט צו דער צווייטער פֿון מזרח צו מעריב, הייסט עס, אַ פֿופֿצן מעטער, דאַרף עס אָנטרעפֿן אַ אַ זעכצן קוואַדראַט מעטער און אין דער שמאָל פֿון יענער וואַנט ביז אַט־דער־אַ, דאָס הייסט פֿון דרום צו צפֿון, טרעפֿט אָן אַ פֿינף און צוואַנציק מעטער . . . האָב איך דורכגעמאַכט אַ קימאַ׳לן פֿון דרייסיק מייל מיט עפּעס . . .

און דאָ לויפֿט מיר אונטער אַ פֿרוי און טוט מיר אַ שטורך אונטערן עלנבויגן און גיסט מיך אָפּ מיטן גלאָז פּאַסטום ווי גרויס איך בין. איך וויש זיך אָפּ, קום צו צו מיין טישל.

ביים טישל איז געזעסן אַן אַלטע יידענע און געגעסן אַן אַרבעס־זופּ. דערזעענדיק מיך האָט זי זיך אַ ביסל אויפֿגעהויבן צו גיין און צו מיר געזאָגט מיט אַן אָנ־ציינערדיקן חתוך הדבור:

— סצקיוז מי, מיסטער, איך האָב צו אייך צו מאַכן מיר אַ פֿייוואָר. אירט זיין אַזוי גוט און וואַטצען מיין טצער מען זאָל זי ניט פֿאַרנעמען און אויף מיין האַלבע סיסעלע אַרבעס־זופּ, מען זאָל זי ניט אָוועקכאַפּן, אַז כאַפּן זאָל זיי די ניכפּה, די כאַפּונעס!... איך האָב נאָך ניט געקאָנ־צעט דאָס עסן, איך גיי קויפֿן נאָך אַ זעמל, וועל איך האָבן וואָס צו טונקען... איך האָב ניט קיין ציין, פֿאַר קיין יידן געדאַכט. מוז איך טונקעכצן...

איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל היטן איר אָרט, אַכטונג געבן אויף איר טעלער זופּ, און צוגעגעבן איר אַ וואַרעמען „טהענקיו". געדאַנקט האָב איך פּשוט דערפֿאַר, וואָס פֿאָרט האָט די יידענע מיר צוגעשאַרט אַ שטיקל באַשעפֿטיקונג אַכטונג צו געבן אויף איר בענקל.

איך זעץ מיך עסן. איך עס פּאַמעלעך. וואָס האָב איך זיך צו איילן? איך צעקיי יעדן ביס גרינטלעך מיט אַ טאַלק. אַזוי זאָגט מיר אָן דער דאָקטאָר זאָלטופּין אין ראַדיאָ יעדן פֿרימאָרגן — דער דאָקטאָר פֿון דייעט און באַשפּייזונג. ער דערציילט אַז אַ גרויסער פֿילאָזאָף פֿון לאָ און פּסיכאָאַנאַליזע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַלע מחלות און אומגליקן קומען פֿון גיך עסן און אַז קייען יעדן ביסן פּאַוואָליע און גרינטלעך איז אַ סגולה צו אריכות ימים און אַ ייד וואָס זיצט מיט מיר ביי מיין טישל און באַהאַנדלט די פֿראַגע, באַשטעטיקט מיין געדאַנק. אַ קו — זאָגט ער — לעבט טאָקע זייער לאַנג, ווייל זי איז מעלה גירה...

אין אַ געוויינטלעכן פֿרימאָרגן עס איך מיין פֿרישטיק שנעל, האַרי־אַפּ, איך עס און וואַרג זיך, שלינג ווי אַ גאַנדז, אָבער היינט קען איך זיך דערלויבן צו עסן באַריכות מיט איבערלייגונגען, מיט ישוב הדעת, מיט ריטם.

אָבער ווי לאַנג קען אַ מענטש עסן? דער פֿרישטיק ענדיקט זיך. ווי אַ נודנער קאָנצערט. דער באָס־באָי נעמט אָפּראַמען דעם טיש.

ער טוט עס ענערגיש, האַסטיק, מיט האַרץ, מיט אימפּעט. איך זע, אַז ער וויל איך זאָל זיך אָפּטראָגן און אים באַפרייען דאָס טישל, זיין אינדוסטריע־צענטער, זיין פאַבריק. איך זאָל שוין גיין. אָבער וואוהין זאָל איך גיין? און צו וואָס, צו וועלכע צוועקן זאָל איך גיין. און צו וועמען זאָל איך גיין? און אין דרויסן איז דאָך רעגנדיק. און קיין שירם מיט וועמען צו פאַרטווישן זיך האָב איך אויך נישט.

בלייבט ביי מיר צו נעמען עפּעס נאָך אַ מאכל, אַ פּאַרציע בייקט בינס אָדער מאַקאַראָני מיט קעז. נאָר דאָס איז שווער צו פאַרדייען. איך נעם בעסער געקאָכטע פלוימען. פלוימען איז געזונט. דאָקטוירים הייסן עסן פלוימען. איך נעם צום מויל אַ פלוים, אַ צווייטע. איך לויף צום בופעט נאָך אַ נעפּקין. איך האָב צום גאַנצן טומל פאַרגעסן צו נעמען אַ נעפּקין. איך קום צוריק. מיין טעלערל פלוימען איז שוין נעלם געוואָרן. ווי אין וואַסער אַריין... ביים טיש אַרבעטן שוין צוויי נייע מענטשן. איינער ווישט דעם טיש מיט אַזאַ רוגזה, ווי ער וואָלט אים ווען אומברענגען עד חרמה. דער צווייטער רוימט אונטערן טיש מיט אַ גרויסער נאַסער באַרשט. רוימט אונטער מיין שטול, קלאַפּט מיר איבער מיינע פיס, ווי ער וואָלט שפּילן בייז־באָל, הוקעט און מרוקעט און גיט מיר קאַפּולער אַנצוהערעניש, אַז איך זאָל זיך שוין אָפּטראָגן. בין איך אַן איידעלער מענטש און לאָז מיך גיין.

## זונטיק פון 11 פאַרמיטאָג ביז 2:30 נאָכמיטאָג

ביים טיר בלייב איך שטיין אַ צעמישטער און פאַרדאגהטער: וואו־הין גייט מען? און וואָס טוט מען? דאָס רעגנדל טריפּט נאָך.

איך שטיי אין טיר און קוק אַרויס צום גאַס. קעגנאיבער רייסט

זיך צום הימל אַ געוואַלטיקער וואָלקן־קראַצער. אַ רויער מויער פֿון רויטע ציגל אָן קאַרניזן, אָן באַלקאָנען, אָן אַ שטיקל באַפּוצעכץ פֿון אַנדערע שטיינער, אַנדערע ציגל. אַ סך שטאָקן, מיט אַ ים פֿענצטער און אַ סך פֿייער־עסקייפּס... פֿאַרגלוסט זיך מיר צו איבערציילן די שטאָקן. דאָס וועט זיך מיר לייכט איינגעבן. דערנאָך וועל איך זיך נעמען צו די פֿענצטער. וויפֿל פֿענצטער האָט דאָס הויז, און וויפֿל אַ שטייגער קאָסט אַזאַ הייזל. דאָס וועט זיין אַ שטיק ענטערטיימענט.

איך וועל איבערציילן די צאָל פֿענצטער אין דער לענג און נאָכ־דעם אין דער ברייט. נאָך דעם וועל איך עס אַלץ צונויפֿרעכענען, אַראָפּ־נעמען, כּפֿלען, טיילן, וועל איך וויסן די אונטערשטע שורה וויפֿל עס מאַכט אויס. רעכענען קען איך, איך בין דאָך אַ בוכהאַלטער פֿון טאָפּל־טער בוכהאַלטעריע. ביי מיר, אַז איר פֿרעגט מיך: וויפֿל וועט זיין 21 מיט 18, אָדער 17 מיט 9, וועל איך אייך גלייך דאָס מאַכן אויפֿן קאָפּ, און וויפֿל וועט זיין 12 מיט אַ פֿינפֿטל אַראָפּנעמען פֿון 42 מיט אַ האַלב? וועל איך אייך דאָס גלייך מאַכן אויפֿן פּאַפּיר מיט אַלגעברע.

איך פֿאַררייס דעם קאָפּ, האַלט צו דעם קאַפּעליוש, טו אָן מיינע ברילן און נעם ציילן. ביי די אויבערשטע שטאָקן פֿאַרפּלאָנטער איך זיך. עס איז דאָרטן מטושטש און נעפּלדיק. איך הויב אָן פֿון דאָס ניי און פֿאַר־פּלאָנטער זיך ווידער. איך וויל זיך נעמען צו די פֿייער־עסקייפּס, און איבערציילן זייערע טרעפּ, נאָר דאָס איז אויך שווער. איך גיב אויף דעם גאַנצן חשבון. מילא, וועל איך היינטיקס מאָל בלייבן אָן אַ ריכטיקן חשבון, אין אַ שעת הכושר, אין אַ בעסער וועטער, ווען די לופֿט וועט זיין ריין און דורכזיכטיק, וועל איך דאָס דורכפֿירן. איצט וועל איך סתּם קוקן. אינמיטן וואָך קען מען אַמאָל זען, ווי מען שלעפּט אַרויף אַ פּיאַנאָ אָדער אַ „פֿרידזשידער” דורך אַ פֿענצטער. עס איז אינטערעסאַנט, מען קען אַמאָל זען ווי אַ מאַן הענגט אויף משקולות און וואַשט אַ פֿענצטער

איך אַ הויכן שטאָק. דאָס האַרץ קלאַפּט, אַט־אַט, ער פֿאַלט אַראָפּ. אָבער היינט זעט מען דאָס ניט, היינט איז זונטיק.

איך לאָז מיך גיין. דאָס רעגנדל האָט געסטאָפּט. מענטשן פֿאַרמאַכן זייערע שירעמס, די פֿענצטער־ווישערס פֿון די אויטאָס באַוועגן זיך פֿאַמעלעכער. דער ערשטער סטאָר אויפֿן קאָרנער איז אַ דראָג־סטאָר. איך שטעל מיך אָפּ ביים פֿענצטער און קוק אַריין מיט גרויס נייגער. דאָס שוי־פֿענצטער איז אָנגעפּיקעוועט מיט דראָג־סחורות. איך לייען די נעמען פֿון די סחורות, די פּירמעס און די פּרייזן מיט אַזאַ פּרעציז־קייט און גענויקייט, פּונקט ווי איך וואָלט האַלטן ביים אָפּקויפֿן דעם גאַנצן סטאָק וואַרע.

איך לייען כמעט אויפֿן קול.

מינעראַל־אויל — 26 סענט.

שאַמפּו — 45 סענט.

אַן אַלאַרם־זייגער — 99 סענט.

לעמב־טשאָפּ — 40 סענט.

גרינע זייף — 12 סענט.

האַמבורגער סטייק — 35 סענט.

ספּליט־באַנאַנע־אייז־קרים־סאַנדעי — 35 סענט.

עפּסאָן־סאַלט — 19 סענט.

מילק אָוו מאַגנעזיע — 39 סענט און 54 סענט.

טאָילעט פּייפּער — 11 סענט.

סאָל אַפּאַטיקע — 30 סענט.

סאָדע ביקאַרבאָנעיט — 17 סענט.

עס ווערט מיר לאַנגווייליק צו לייענען, לאָז איך עס איבער און גיי ווייטער. איך טראָג זיך איבער צו אַ צווייטן פֿענצטער, אַ שוי־פֿענצטער פֿון אַ דריי־גודס־סטאָר. דאָ ליגן פֿאַרשיידענע דרייגודס: העמ־

דער, קראַוואַטן, ראַבס, סאָקס, און אַלץ מיט אַזעלכע שרייענדיקע קאָ־לירן, און פּידזשאַמעס אויך מיט שרייענדיקע קאָלירן, אַז איר ווייסט ניט ווי קען מען גאָר שלאָפן אין אַזעלכע שרייַנעדיקע וועש. בלומען, חיות, פּויגעלן, בוימער, לאַנדשאַפטן פערד זשאָבעס, הין־הערלעך, פּאַסן, פּערד־נקבות, האַלבע לבנות, געפינטלט, געשטרייפט — לעבעדיקע האַפּערדיקע קאָלירן, אָבער די סחורות ליגן דאָ זייער אומעטיק און פאַרלאַנגווייליקט. וועלכער קרעמער האָט עס אַמאָל געזאָגט: עס איז ניטאָ קיין לאַנג־ווייליקערע זאַך ווי סחורות אויסגעשטעלט אין אַ שוי־פענצטער פון אַ געשלאָסן געשעפט אין אַ יום־טוב־טאָג. אַפילו די צוויי מאַנעקינס, אַ פרוי און אַ מאַן, וואָס שטייען דאָ אויסגעפּוצט אין דער קלאָודינג־אָפּטיילונג, ער אין אַ טאָקסידאָ און זי אין אַן איווינינג־גאַון, שטייען זיי דאָ אַזוי פאַרנודיעט און זויער, אַז ס׳איז אויף זיי אַ צער־בעלי־חיים.

דאָס זעלבע אין דער בעקעריי מיט דעם גאָלדענעם שילד „קעיק־מעסטער״. דאָ ליגן די קעיקס, בייגל און די אַנדערע קוכנס און קוקיס אין גרויס אומעט און לאַנגווייל... הגם די אויפשריפטן אויף זיי זיינען דווקא זייער פריילעכע: „העפּפּי בוירטדעי״, „העפּפּי אַניווערסערי״, „גאָלדען וועדינג״, „העפּפּי וועדינג קעיק״. אויך דער מיט קונסט אויס־געקנאַטענער קעיק מיט די צוויי מענטשעלעך — חתן־כלה אונטער אַ גלעזערנעם קאַפּאַק, וואו ער איז אַן אויסגעפּוצטער יונגערמאַנטשיק אין אַ שוואַרצן פרינץ־אַלבערט און געשטרייפטע הויזן, און זי — אין אַ ווייסער כלה־דרעס מיט אַ וואואַל און אַ קראַנץ בלומען — אויך זיי שטייען זייער פאַרלאַנגווייליקט, זויער און אַנגעברוגזט, ניט ווי חתן־כלה ערשט פון דער חופּה, נאָר ווי אַ מאַן און ווייב העט נאָך דער חתונה און נאָך אַ פאַמיליע־סצענע.

איך קום צו צום צווייטן קאָרנער. דאָ הויבט זיך אָן דער פּיר־עקנדיקער טרענטאָן־סקווער. איך זעץ זיך אויף אַ באַנק — נעם אַ „שור־

שיין". דער שיך־פּוצער פּוצט מיינע שיך און איך באַטראַכט וויפֿל דאַרף ער שיפּן אַזוי מיט דעם בערשטל ביז ער פּוצט אָפּ מיינע שיך.

מענטשן גייען דאָ אום הין־און־הער, און מען ווייסט נישט צו וואָס, איך וואָלט שווערן אַז קיינער האָט אַפֿילו נים קיין צוועק און קיין ציל וואוהין ער גייט. אַזוי פֿיל מענטשן! ווער דאַרף זיי? אַ נס, וואָס מען קען זיי ציילן און מאַכן פֿון זיי פֿאָלקס־ציילונגען, סטאַטיס־טיקס, געבורט־חשבונות, וואַל־רעכענונגען, טעקסעס־אויסרעכענונגען און נאָך און נאָך אַזעלכע ציפֿערן.

איך קוק אַרום — הייזער פֿאַראַן אַזוי פֿיל, געשוואָלענע הייזער און אַלע זייַנען פֿול מיט מענטשן און די מענטשן האָדעווען זיך — זכרים און נקבות, מערן זיך און פּלאָדיען זיך און שטאַרבן און עס קומען נייע, און אַזוי ציט זיך אַ שטראָם אַ לאַנגער, אַ נודנער, אָן אַ סוף און אָן אַ גרענעץ. און וואָס ערגער איז, אַזוי פֿיל מענטשן, אַזאַ שטאָט מיט מענטשן און אַזוי ווייניק באַקאַנטע. וויפֿל האָב איך דאָ באַקאַנטע? איך בין אַ בעלן איבערצוציילן אין זינען. אַרום 32 שטיק האָב איך אָנגע־ציילט קוים מיט צרות. מער קען איך נישט אָנציילן. און די איבעריקע — אַלץ פֿרעמדע און פֿרעמדע.

— איך גיי צו צו אַ סקווער.

דאָ אויף דעם סקוועד שטייט אַ פֿאָנטאַן, אויך אַ פּאָר לאַמטערנעס, אַ פּאָר בוימלעך. זיי שטייען און יעדער טוט זיך זיין אַרבעט. דער פֿאָנטאַן שפּריצט, די בלימלעך שאָקלען זיך און שאַרשקען, די לאַמ־טערנעס לויכטן און שימערן אין נעפּל. טייבעלעך פֿליען אַרום אין דער הויך און טוען פֿון דער הויך זייער אַרבעט. בלויז איך אײנער דריי זיך אַרום פּוסט־און פּאַס, שלינג־און־שלאַנג — אַן איבעריקער, פֿאַר־נודיעטער, ליידיקגייער.

דאָ שטייט אויך אַ טשעגונענער מאָנומענט־מענטש. ער שטייט ביי זיין שטיינערנעם שטול און קוקט אַראָפּ מיט אַ פּאָר בלעכערנע אויגן אויף דעם סקווער און מענטשן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום. ער איז אויך פאַרלאַנגווייליקט און פאַרנודיעט, אַז עס איז אַ רחמנות אויף אים צו קוקן. אים איז נאָך ערגער ווי מיר. מיר איז נאָך גוט. אין דריי וואָכן אַרום וועל איך שוין גיין צו דער אַרבעט. ער אָבער וועט נעבעך אַזוי מוזן שטיין, ווער ווייסט ווי לאַנג, און קוקן און קוקן און גאָפן, אַ פאַרגליווערטער.

איך גיב אַ זיפץ אויף זיין טרויעריקן גורל און מאַך אַ פּאָר טריט ווייטער. איך שטויס זיך אָן אויף אַ סאַלון מיט אַ שילד „באַר ענד גריל״. איך קוק אַריין. איך טראַכט נישט גאָר אָן קנאה, אַז יענע מענטשן קע־נען כאַטש טרינקען, אַמפערן זיך, שרייען. דאָס איז אויך אַן אַרבעט, פאַרטומלט דעם לאַנגוויייל. איך קען אַפילו טרינקען אויך נישט. דער איינציקער געטראַנק, וואָס איז מיר דערלויבט, איז מילך און מאַגנעזיע״. גיי טרינק זיך אָן מיט „מילק און מאַגנעזיע״.

פונדעסטוועגן וואָרט איך צו ביים איינגאַנג, אפשר וועט מען היינט עמיצן פון די שכורים, אַ מאַן צי אַ פרוי, אַרויסוואַרפן. דער באַרטענדער מיט אַ פּאָר ווייטערס וועלן די שכורים שלעפּן, זיי וועלן זיך ווערן, זיך נישט לאָזן. עס וועט אַנלויפן אַן עולם. עס וועט ווערן אַ ביסל לעבעדיק, אַ סאַמאַטאַכע. פאַרט אַ שטיקל פאַרווײלונג אין אַ נודנעם טאָג.

דעם אמת געזאָגט: מיר איז אַזאַ סצענע דווקא נישט צום האַרצן. עס איז אַן איבלדיקע סצענע. וואָרים אַ שכור איז אויך אַ מענטש. נאָר אים איז נעבעך זייער אומעטיק, ווייל ער איז איינזאַם און עלנט. ער האָט נעבעך היינט נישט קיין אַרבעט צו פאַרברענגען. ער האָט אַפילו נישט וואוהין אַריינצוגיין. איז ער אַריין אַהער אַ ביסל צו צושטרייען זיך, צו פאַרטרינקען זיין אומעט. און אפשר האָט ער נאָך היינט זיין גע־

בורטסטאָג און האָט נישט קיין הויז וואָס זאָל אים מאַכן אַ פּאַרדי, קיין פֿריינט, וואָס זאָל אים גראַטולירן אָדער מאַכן מיט אים "לחיים", טרייבט מען אים גאָר. נאָר היינט האָב איך אַפֿילו אַזאַ סצענע נישט נישט געזען. איך גיב אַ גענעץ און גיי ווייטער.

און אָט איז נאָך אַ קאָרנער. נישט קיין פֿאַרבויטער לאָט. און אַפֿילו דער גרונט איז דאָ ניט פֿאַרברוקירט. צוויי בחורים שטייען און שפּילן אין באָל. זיי וואַרפֿן מיט גרויס התמדה איינער צום צווייטן אַ באָל און ציילן: „דריי הונדערט מיט אַכט און זיבעציק... דריי הונ־דערט מיט ניין און זיבעציק... דריי הונדערט מיט אַכציק... פֿיר הונדערט מיט איין און אַכציק..." און אַזוי ווייטער.

איך הער זיך איין: ציפֿערן. עס מוז זיין עפּעס אַ רעכענונג... אַן אינטערעסאַנטער חשבון. אָבער איך געפֿין עפּעס ניט קיין טאָלק, איך זע עפּעס נישט קיין אונטערשטע שורה. עס ווערט מיר נמאס. איך גיי ווייטער.

און אָט איז מיין גאַס, וואו איך וואוין, און אָט זיינען ווידער מיינע באַקאַנטע געשעפֿטן, מיין באַקאַנטע גראָסערי, מיין באַקאַנטע קלינינג־סטאָר מיט טיילאָרינג, דייאינג און אַלטערייטשאַנס. איך באַטראַכט מיינע הויזן, שוין לאַנג טאָקע באַדאַרפֿט זיי אויספּרעסן. זיי הענגען שוין אויף מיינע פֿיס, ווי אַ פּאָר אַרבל. שוין לאַנג, אַז איך קלויב זיך עס טאָן. איז אָבער דער שאַפּ געשלאָסן. אַ גאַנצע וואָך, ווען איך בין פֿאַר־נומען אין אָפֿיס, איז דער קלינינג־שאַפּ גראָד אָפֿן און היינט, אַז איך בין פֿריי, איז דער שאַפּ דווקא געשלאָסן. ווער דאַרף זיי אין מיטן וואָך?

איך גיי פֿאַרביי נאָך אַ געשעפֿט. דאָ איז אַ בלומען געשעפֿט, וואָס שלאָגט אין מיין נאָז אַריין אַ פריקרן ריח פֿון בלומען.

אויפֿן צווייטן קאָרנער שטייט אַ סאָדע־פּאַרלאָר. דורך דער טיר דערזע איך אַ ריי טעלעפֿאָן־ביידלעך. פֿון אינעווייניק טראָגט זיך אַ טער־פֿקער ריח פֿון פּאָפּקאָרן.

עס פֿאַלט מיר איין: אפֿשר גאָר אָפּרופֿן עמיצן פֿון מײַנע פֿריינט? עפּעס האָב איך דאָ פֿריינט און קרובים און באַקאַנטע צום שוואַרצן יאָר. ניט מער זיי זיינען צעוואָרפֿן איבער דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק, מאַנהעטן און בראָנקס און געגנטן. און פֿריינט אין ניו־יאָרק האָבן אַ מאָדנע טבע: עפּעס ווי זיי וואָלטן זיין צעקריגט, שטענדיק קידער־ווידער איינער מיטן אַנדערן. וואוינט איינער אין מאַנהעטן, וואוינט אַ צווייטער אין איסט־ברוקלין, וואוינט איינער אין ברוקלין, וואוינט אַ דריטער אין סטעטן איילאַנד, אָדער אין וועסטשעסטער, אַ פֿערטער אין בראָנקס, אַ פֿינפֿטער אין האָבאָקען, ניו־דזשוירזי, דזשעקסאָן הייטס, אאַז״ו. און, אַז מען וויל צו עמיצן פֿון זיי אַ פֿאָר טאָן מיט אַ באַזוך, מוז מען צו ערשט טעלעפֿאָנירן, וואָרעם עס קען זיין, אַז איר וועט קומען און יענעם ניט טרעפֿן אין דער היים, אָדער יענער איז גאָר אין אַ שלעכטער שטימונג, אָדער קריגט זיך מיט זיין ווייב, אָדער ער האָט געמופֿט אין אַן אַנדער דירה, אָדער אַוועקגעפֿאָרן אין פֿילאַדעלפֿיע, אָדער ער ליגט גאָר קראַנק אויף ניומאָניע און גוססט, אָדער גאָר געשטאָרבן.

איך בין אַריין אין סאָדע־פּאַרלאָר, טרינק אויס אַ „קאָקאַ־קאָלאַ״ און וויל קלינגען צו מיין פֿריינט יונה טומאַרקין. ער איז אַ מוזיקאַלישער מענטש. ער שטעלט אָן פּיאַנאָס, פֿאַרריכט מאַנדאָלינען און שפּילט פֿידל. עס איז אינטערעסאַנט מיט אים צו פֿאַרברענגען. נאָר איין חסרון האָט ער: שטענדיק שלעפּט ער דיך צו סימפֿאָניעס. איך וויל זיך פֿון אים אָפּטשעפּען. נאָר ער האַלט מיך אין איין שלעפּן. איך דאַרף נישט, זאָג איך אים, קיין סימפֿאָניעס. מיר איז אַזוי אויך נודנע. וואָלט מען

דאָרט געהערט כאָטש עפּעס אַ קלוגן חשבון. אָבער סימפּאָניע גאָר? ווער דאַרף עס, ווער? ווען איך וואָלט געווען אַ פּרעזידענט, וואָלט איך פאַרבאָטן אינגאַנצן די סימפּאָניעס מיט דער גאַנצער מוזיק. עס איז מיר אַזוי אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן פון מיין גודנעקייט און דו שיטסט מיר זאַלץ אויף די וואונדן. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, זאָג איך אים, — ווען דו גיסט מיר אַ פּריינט איך זאָל פון אים הערן אַ פריינטלעך וואָרט שענק איך דיר אָוועק די בעסטע סימפּאָניעס און קאָנצערטן.

איך לייג אים פאָר אַז מיר זאָלן בעסער אַריינגיין אין דעם אַמיוז־מענט־סענטער אויף בראָדוויי, דאָרט ווייזט מען די גרעסטע קונצן. מען זאָגט אַז דאָרט געפינט זיך אַ פערד אַ מאַטעמאַטיקער און אַ גרויסער בעל־חשבון, און אַז מען פרעגט אים אַ חשבון קלאַפּט ער אויס דעם ריכטיקן ענטפער מיט זיין קאָפּיטע. און אַ הונט איז דאָרט פאַראַן וואָס אַז מען פרעגט אים: „וויפל איז זעקס מאָל זיבן״, קלאַפּט ער אָן מיטן וויידל אויף אַ גלעקל: 48.

נאָר ער לאָזט זיך ניט.

— אויב דו ווילסט — זאָגט ער — איז דאָך מוזיק אויך ציפערן און חשבונות. און אַפילו אַ שטיקל בוכהאַלטעריע. וואָרים מוזיק האָט דאָך בטבע גאַנצע טענער און האַלבע טענער און פערטל טענער און אַכטלעך און זעכצנטלעך און צוויי־און־דרייסיקסטלעך, און פיר־און־זעכציקסטלעך און אַזוי כסדר. אַפילו טענער מיט דראָב איז פאַראַן. און אַחוץ דעם איז דאָ אָקטאַוועס און טעמבערס און אינטערוואַלן און פוגעס, דאָס ווענדט זיך ווי שטאַרק די לופט טרייסלט זיך. טרייסלט זי זיך שטאַרקער, איז די אָקטאַווע העכער, און דער טאָן געדיכטער, מער מעטאַל. טרייסלט זיך די לופט שוואַכער — איז אַלץ שוואַכער. חוץ דעם איז נאָך פאַראַן טאַקטן און פויזעס. אַ טאַקט געדויערט אַ סעקונדע און אַ פויזע — קען דויערן אַ גאַנצן מעת־לעת.

אַט, למשל, האָבן מיר ביי אונדז אין פּוילן אַ פֿילהאַרמאָניע מיט אַן אָרקעסטער פֿון דער פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע. איז דאָרט פֿאַראַן אַ פּויקער, וואָס פּויקט אין אַ קעסל־פּויק. און אַ צימבלער אויף די צימב־לען, איז ער אַ גרויסער שכּור. נאָר וואָדען? ער קען חשבנען מיט קאָנ־טראַפּונקט. האָט ער אויסגעחשבנט, למשל, אַז אין דער סימפאָניע וואו עס איז פֿאַראַן אַ פּויזע פֿון 48 טאַקטן אויף דעם 49 טאַקט האָט ער געדאַרפֿט געבן אַ פּויק אין זיין קעסל־פּויק. נישט ווייט פֿון דעם אָר־קעסטער האָט זיך געפֿונען דער בופֿעט פֿון שאַרפֿע געטראַנקען, האָט עס אים געצויגן אַהין, ווי אַ מאַגנעט, נאָך אַ טרונק ביר, האָט ער געמאַכט אַזאַ בוכהאַלטערסקע רעכענונג: פֿון אָרקעסטער ביזן בופֿעט איז אַ מהלך פֿון 18 טריט, אַ טראָט דויערט ביי אים פּונקט אַ סעקונדע, אַ טאַקט איז אויך אַ סעקונדע, הייסט עס אַז צוקומען צום בופֿעט דאַרף ביי אים נעמען 18 טאַקטן, 18 סעקונדעס. צוריק צום בופֿעט דויערט ווידער 18 טאַקטן, 18 סעקונדעס, צוזאַמען — 36 סעקונדן. אויסטרינקען אַ גלאָז ביר דאַרף אויך נעמען 10 סעקונדן. צוזאַמען מיט דעם גאַנג — 46 סעקונדן. פּונקט אַזוי פֿיל, וויפֿל עס טרעפֿט אָן די צאָל טאַקטן. צו דער ריכטיקער צייט, ס׳הייסט פּונקט צום 47סטן טאַקט איז ער שוין צוריק אויף זיין פּלאַץ, דערלאַנגט דעם ריכטיקן טעררעבענץ אין פּויק אָדער אַ צימבל אין צימבל און גייט שוין צוריק צום בופֿעט נאָך אַ פֿרישן טרינק ביר... און וואָס נאָך? דער גאַנצער אויפֿטוער פֿון דער דאָזיקער מאַטעמאַטיק אין מוזיק איז איינער אַ גרויסער בעל־חשבון פּיטאַגאָר. מסתּמא אויך עפּעס אַ גרעק אַ בוכהאַלטער... און במילא העלפֿט די מוזיק אַרויס די בוכהאַלטעריע. דעם שווערסטן רעכענונג איז גרינגער צו מאַכן, ווען מען זינגט אונטער אַ ביסל.

פֿון דאַן אָן האָב איך באַקומען מער רעספּעקט פֿאַר מוזיק. אויב אַזוי, איז דאָך מוזיק אויך אַ זאַך! און האָב באַשלאָסן אים צוליב צו טאָן און גיין מיט אים צו אַ סימפֿאָניע.

מען דאַרף אים טעלעפֿאָנירן.

## זונטיק פֿון 2:10 ביז 3 פּי. עם.

אַלע טעלעפֿאָן־בודקעס זיינען אָבער פֿאַרנומען און עס שטייט אַ ליין. אין אַלעביידלעך זיצן מענטשן און רעדן. ביי איין טעלעפֿאָן זיצט אַ פּאַרשוין און רעדט. איין אויער האַלט ער צוגעדעקט מיט דער האַנט, דאָס צווייטע אין טרייבל און רעדט:

... יאָ, איז פֿאַרגעסט ניט, פּליז דעם ע 986321 איי עף. און אַ דובליקאַט אַפּליקיישאַן פֿאַר אַ צוגאָב געזאַלץ. ניין, בעסער צערייסט דעם אַפּליקיישאַן, און נעמט דעם קוועשטשיאַנעיר פֿון פּריאָריטי נומער...

איך זע אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ גרויסן חשבון פֿון אינקאַם־טעקס. איך האָב אַ ביסל הנאה. אָבער דער געשפּרעך ענדיקט זיך ניט. איך לויף צו אַ צווייטערביידל. און דאָ זיצט אַ געפּאַקטער פּאַרשוין, וואָס שפּאַרט פֿונאַנד די ווענט פֿון ביידל און רעדט:

— ... איז פֿאַרגעסט ניט צו נעמען מיט זיך די קאַרטן... און נעמט גלייך און קומט צופֿאַרן... ווי פֿאַרט מען? וואו וואויגסטו? אין דזשעמעיקאַ? און איך וואוין אין די ווייט פּלעינס. טאָ נעם די בי־עם־טי־טריין וואָס גייט צו פּענסילווייניאַ סטיישאַן, פֿון דאַרט נעם אַ סאָבוויי צו טאַימס סקווער, פֿון טאַימס סקווער נעם די אַי. אַר. טי., וואָס גייט צו דזשעראָם עוועניו, צום בראָנקס־פּאַרק און טשעינדזש פֿאַר נאָסט־ראַנד, מיין איך פֿאַר דזשעראָם און... און... נעם נישט דעם טרעין

וואָס גייט אין וואַן קאָרטלאַנד־פּאַרק. נאָר אויף גרענד קאָנקורס, און פֿון דאָרט צו מאָנטעפֿיאָר האָספּיטאָל.

איך זע, אַז דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע. גיי איך איבער צו אַ דריי־טערביידל. דאָ זיצט אַ יידל און רעדט גאָרנישט. זיצט און שווייגט. שטום, ווי אַ פֿיש. נעם איך זיך אָן מיט קוראַזש און זאָג:

— ר׳ ייד איר פֿאַרנעמט אַ טעלעפֿאָן און רעדט גאָרנישט. ווערט ער בייז און ענטפֿערט מיט רוגזה:

— וואָס הייסט איך רעד נישט? איך רעד דאָך מיט מיין ווייב!...

## זונטיק פֿון 3 ביז 5 נאָכמיטאָג

איך כאַפּ זיך אַריין אין אַ ציגאַרעטן־סטאָר, אַ ריי טעלעפֿאָנען.. איך נעם קלינגען. טויט. מען ענטפֿערט נישט. לאָזט זיך אויס אַ קאַליע טעלעפֿאָן. „אַוט אָף אָרדער״. איך קלינג אין אַ צווייטן טעלעפֿאָן. איך וויל דאָך פֿאָרט כאַפּן מיין פֿריינט טומאַרקין. איז ער אין דער היים נישטאָ. איך קלינג צו לעאָ דושקין — אויך אין דער היים נישטאָ. וואו קען ער זיין? איך קלינג צו טשאַרלי קליין. מען ענטפֿערט:

— די עקסטענשאָן איז געטשענדזשט אָנשטאָט סאַקראַמענט 2־4178 — טראַפֿאַלגאַר 6־1846.

איך קלינג טראַפֿאַלגאַר 6־1846.

מען ענטפֿערט:

— אינטערניישאָנעל באָטן־האָל קאָרפּערייישאָן.

איך קלינג צו דער אינפֿאָרמיישאָן.

— וועלכער נאָמבער?

ענטפֿער איך:

— טראַפֿאַלגאַר 6־1846.

— ווי הייסט ער?

— טשאַרלי קליין.

— וואו וואוינט ער?

— אָן־היל 46, בראָנקס. ווהייט פּלעינס.

— אָל 5־0053.

איך קלינג אָן 5־0053. מען ענטפֿערט:

— פלאָמערס אינזשינירינג אַסאָסיאַיישאָן, ברענטש 54, איסטערן פּאַרקוועי ברוקלין.

איך קלינג צום אָפּערייטאָר:

— מען האָט מיר געגעבן אַ ראָנג נאָמבער. איך דאַרף אָל 5־0053. מען פֿאַרבינדט מיך. איך קלינג.

— מעי אַי ספּיק טו מיסטער קליין?

אַ שטים ענטפֿערט:

— מיסטער קליין געשטאָרבן.

פֿאַרשטיי איך אַז דאָס איז אַ וויץ. איך קלינג ווייטער. ענטפֿערט מען מיר:

— מאיר וועוויורקעס פֿיונעראַל פּאַרלאָר, גילעס פּלייס, בראָנקס.

איך קלינג שוין צו אַ נײַעם פּריינט, מיסטער פּילעדסמיק אין פֿאָרעסט הילס.

— נאָך אַ ניקל, פּליז. — ענטפֿערט די סטיישאָן. — פֿאָרעסט הילס קאָסט 10 סענט.

איך זוך אַ ניקל. ערגעץ אונטן, ביי דעם אונטערשטן פֿאַלד האָט זיך פֿאַרטייעט אַ ניקל. איך וואַרף אים אַריין און קלינג ווייטער. די ליין איז ביזי. איך קלינג צום סטיישאָן.

— די ליין איז ביזי, קערט מיר אום מיינע צוויי ניקלס!

— די ניקלס קען מען שוין צוריק נישט שיקן. גיט אייער אַדרעס, וועט מען זיי אייך אָפּשיקן דורך פּאָסט.

איך גיב מיין אַדרעס און פרעג:

— וואָס איז מיט מיין קאָל?

— וואַרפט אַריין נאָך צוויי ניקלס.

איך צעבייט אַ דאָלער־ביל און וואַרף אַריין אַ דיים.

אַ ווילדע שטימע ענטפערט:

— בעלוויו האָספּיטאַל! אינסיין סעקשאָן! אוי—הוי! האָך—באָך! מיקי—ניקי! קאָפּטשיק טשאָק!

איך רוף דעם סטיישאָן:

— ווידער אַ ראָנג נאָמבער! אַ משוגעים הויז! איך דאַרף פאָרעסט הילס. מיין פריינט פידעלשמיק. אָל 5־0053!

— סאָררי, די צייט איז פאָריבער.

און האָקט אָפּ.

איך ווער שוין ברוגז אויפן גאַנצן משא־מתן, און לויף אַרויס מיט אַ דולן קאָפּ.

איך נעם קלינגען צו אַן אַנדער פריינט גדליה שימקעס.

איך ווייס זיין טעלעפאָן־נומער אויסנווייניק. ער איז אַ גוטער פריינט מיינער. איז אַן אַלטער בחור. אים וועל איך געוויס טרעפן אין דער הים, ווייל זונטיק זיצט ער אין דער הים און וואַרט אויף שדכנים... ער זוכט אַ כלה אַ שיינע, לכל־הפחות, ווי אַ סטאַר אין די מואוויס, מיט אַ סך נדן. ער איז אַ ציגאַרן מאַכער און איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט אויף קאָכן. ער קען אָפּקאָכן אַ קאַשקע פון לינדזן — איז די פינגער צו לעקן. ער קען אָפּבראָטן אַ סטעיק, מאַכן אַן אייער־שפּייז. היינט זיין קאָפּע! ער ווייסט דעם סוד פון גוטע קאָפּע. און טיי אַ גלאָז קען ער אויך פאַרבריען, „ליפּטאָן טיי". וועל איך גאָר צו אים צופאָרן, וועל

איך טרינקען די שיינע גלאָז טיי. פֿאַררויכערן אַ ציגאַר, וואָס ער אַליין מאַכט לויט זיין אייגענער טאַבאַק־קאָמבינאַציע. שפּילן אַ דזשים־ראָמיע און כאַפּן אַ שמועס.

איך נעם רופֿן אין טעלעפֿאָן.

— איז מיסטער שימקעס צו הויזע ?

אַ פֿרויען־שטים ענטפֿערט :

— ניין, נישטאָ.

— און ווער רעדט עס ?

— די שטוב־מעיד.

— און וואו איז דער הער ?

— אַוועק נעמען אַ וואָק מיט דער מיסעס ?

— מיט וועלכער מיסעס ?

— מיט דער מיסעס שימקעס, זיין ווייב.

— ער האָט שוין אַ ווייב ? ער האָט שוין חתונה געהאַט ?

— נו, יאָ. שוין אַ האַלב יאָר.

איך וויל רעדן נאָך. זיך פֿונאַנדערפֿרעגן, נאָר דאָ לויפֿט אָן אַ טרעין און פֿאַרקלאַפּט מיר דעם גאַנצן געשפּרעך. איך וואַרף אַוועק דאָס טרייבל מיט כּעס.

איך גיי אַ בייזער און מרוקע צו זיך.

די לעצטע צייטן האָב איך אָנגעהויבן רעדן אַ סך מיט זיך, פּשוט איך זאָל נישט פֿאַרגעסן דאָס מענטשלעכע לשון און הערן אַ מענטשלעך קול.

היינט צו טאָג האָב איך דאָס געפּרואווט אַ פּאָר מאָל — אָפּשטעלן אויף דער גאַס פֿרעמדע מענטשן און אָנהויבן מיט זיי רעדן. האָב איך איינעם אַ שלעפּ געטאָן ביים אַרבל און אַ צווייטן אָנגערירט ביי

דער פּלייצע. איז, ווי נאָר זיי האָבן זיך אַ קער געטאָן צו מיר, האָב איך זיך גלייך אַנטשולדיקט און אַפּגעגאַנגען.

— המם, געהערט אַ מעשה? — האָב איך גערעדט צו זיך — חתונה געהאַט. גענומען מסתמא אַ יפת־תוהר מיט אַ סך געלט... אַט ווען ס'איז מקנא צו זיין!... איצט זיצט ער מיט איר ערגעץ ביי זיך אין צי־מער. ער אַנטקעגן איר און זי — וויזאַווי. אָדער ער שפּאַצירט מיט איר ערגעץ ביי איר משפחה. געוויס אַ רייכע משפחה. אַוודאי ביי עמיצן אַ פּאַרדי... נאָר מיר פּאַרגעסט ער אָפּצורופן. איך אַליין בלאָנקע אַרום ווי אַ היימלאָזער הונט, וואָס האָט פאַרלוירן זיין בעל־הבית. אַן איינ־זאַמער אַ פאַרלוירענער אין דער ריזיקער שטאָט, און עס איז מיר אַזוי לאַנגווייליק!... רבונו־של־עולם! פאַר וואָס איז מיר אַזוי לאַנגווייליק? לאַנגווייליק ביז ווייטאָג. עס ווילט זיך שרייען.

איך גיי אַרויס אין דרויסן. איך בלייב שטיין ווי אַן אבל, און עס דאַכט זיך מיר, אַז אַ גרויסע נודנעקייט הענגט אין דער לופט, ווי אַ גרויסע כמאַרע און מענטשן, הייזער, קאַרס, פּאַליסלייט באַוועגן זיך אין דער דאָזיקער לאַנגווייליקער אַטמאָספער. איך מאַך עטלעכע טריט און זעץ זיך צו אויף אַ באַנק.

איך נעם אַרויס מיין אַדרעס־ביכל. זוך, נישטער און שטויס זיך אָן אויף אַ נייעם נאָמען גדליה פלאָטקין. אַ גוטער פריינט, אַ סיילסמאַן. אַ באַרעדעוודיקער מענטש. מיט אים קען מען רעדן וועגן חשבנות אויך. מיט אים וואָלט איך גערן אָפּגעשטופּט דעם טאָג. נאָר וואָס דען? איך וויים נישט זיין טעלעפאָן. דער אַדרעס איז יאָ פאַראַן. גרינוויטש ווי־לעדזש. די גאַס איז דאָ. דער נומער פון הויז איז דאָ. נאָר קיין טעלע־פאָן איז נישטאָ. מען וועט מוזן צופאָרן. ס'איז נית ווייט. און טאַקע דאָ־אָ מיט דעם סאָבוועי, וואָס לויפט דאָ אונטן. ביים אַריינגאַנג שטייט אַ

בראָט־אויוועלע און באַקט טשעסנאַטס. אַ בלעכערנער קוימענדל פּייפּט מיט אַן אויסגעצויגענעם מאָנאָטאָנעם פּייף.

איך גיי אַראָפּ אין סאָבוועי און לאָז זיך גיין לענג־אויס דער פּלאַט־פאָרמע. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז איצט טויטלעך. דער עולם — שיטערלעך. די טרעינס לויפן היינט זעלטענער, צוליב זונטיק, מסתמא. איך שפּאַציר לענג־אויס דעם פּעראָן און טאַפּ אָן מיט מיינע פינגער די קאָכלעס פון די ווענט און לייען איבער דעם נאָמען פון דעם סטיי־שאָן, וואָס די בוכשטאַבן זיינען אויסגעלייגט פון פיר־עקנדיקע קאָלירטע שטיקלעך קאַפּעלקעס, דער סטיישאָן הייסט „אינדעפּענדענט סטיישאָן״, „קאָנאַרסי״, קיין באַקאַנטן זע איך נאָך אַלץ נישט. איך דריי זיך דאָ אַליין, איך ווייס אַז איך באַגלייט קיינעם נישט, איך וואַרט אויף קיינעם נישט, אַז קיינער דאַרף צו מיר נישט קומען.

איך גיי ווייטער און באַטראַכט די געמאָלטע פלאַקאַטן און פּאָוס־טערס, געמאָלטע רעקלאַמעס פון אַלערליי פירמעס. אַ פרוי האַלט אַ לאַבן ברויט. דערביי אַן אויפשריפט „ביילינס ברויט״. אַ פרוי וואַשט זיך מיט זייף. דערביי אַן אויפשריפט „גערגעלס זייף״. אַ דאַמע רויכערט אַ ציגאַרעט. דערביי אַן אויפשריפט „מייקעלס סיגאַרעטן״. אַ דאַמע נעמט אַ וואַנע. דערביי אַן אויפשריפט „ראַפּס טערקישע באַד״. און אַלץ די זעלבע דאַמע נאָר אַנדערש געשליירט. און אָט איז אַ גרויסער פלאַקאַט מיט שיינע פאַרבן אויסגעמאָלטע צווי פיגורן, אַ מאַן און אַ פרוי, ווי זיי קושן זיך מיט סכנות נפשות. אויף דעם בילד אַן אויפשריפט „די ליבע פון אַ גענגסטער״. איך קוק אויף די פנימער — צוויי יינגלעך שטייען מיט בלייפעדערס און פיקסן זיי: אים, דעם קאַוואַלער, מאָלן זיי צו אַ שפּיציק בערדל און איר — אַ פּאָר הנעוודיקע ווענסעלעך. איך שטיי אַ וויַל און באַוואונדער... איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס אַ סך

פּנימער אויף די פּאָוסטערס זיינען געפּיקסט מיט באָרד־און־וואָנסן. דאָס טוען מענטשן פֿון לאַנגווייליקייט, שרייבן זיי אויף די ווענט.

עס לויפֿט אָן אַ צוג. פֿון צוג גייען אַרויס ווי אַרויסגעטריבענע צוויי פּאַרשוין. דער ערשטער אַ בלינדער, מיט אַ געשטופּלטן פּנים, אַרומגעבעט מיט אַ סך אַלטע בגדים און שיך אויף שטריקלעך. ער זינגט מיט א הייזעריק און צעבראָשקעטן קול אַ ליד. מיט אים אַ צווייטער, קענטיק אַ געוועזענער סאָלדאַט, מיט אַ רויטן קאַלישעק, אין פֿאַרלאָטעטע הויזן, וואָס באַגלייט אים אויף אַ האַרמאָניקע. ביי ביידע הענגען בלעכערנע קענדלעך, וואו עס באַמבלען זיך אַ פּאָר מעטאַלענע מטבעות.

איך דערזע ביים סלופּ אַ צוגעשמידטן טאָפּ מיט פּינאַטס. איך וואַרף אַריין אַ פּעני, נעם אַרויס אַ זשמעניע פּינאַטס און נעם קייען. האָב איך, הייסט עס, אַ צו־בייס צוזאַמען מיט דער זינגעריי און גע־מאָלעריי. אַ בופֿעט צוזאַמען מיט אַ קאָנצערט און אַ קונסט־אויסשטע־לונג. וואָס פֿעלט מיר? איך מעגט מיר מקנא זיין.

דעם איינציקן אין דער גרויסער שטאָט, וואָס איך האָב באַגעגנט איז געווען מיין לאַנדסמאַן כלאַוונע פֿון שאַשישאָק, אין ליטע.

אַז איך האָב זיך באַקלאָגט פֿאַר אים אויף מיין נודנעקייט און איינ־זאַמקייט, האָט ער זיך אויסגעלאַכט.

— מניאַ, דאָס איז אויך נודנעקייט? ווען דו וואָלסט וויסן וואָס הייסט ליגן ביי אונדז אין שאַשישאָק אויפֿן אַלטן בית־עולם אַ לאַנגן ווינטערדיקן פֿרייטיק־צו־נאַכטס צווישן די שאַשעשאָקער שוכני עפֿר, וואָלסטו געוואוסט, וואָס הייסט אַ נודנעקייט.

איך פֿאַרלאָז דעם סאַבוויי. איך גיי פֿאַרביי די קאַסע־ביידל, וואו עס שטייט אַ שוואַרצער קעשיר און פֿאַרקויפֿט די פּער־טיקעטס. איך

קוק אויף אים און בין אים מקנא — ער טוט זיין אַרבעט... אים איז פריילעך...

ביים אַרויסגיין דערזע איך קעגנאיבער אַ מואווי־טעאַטער. ביים טיר אַ גרויסער פּאָוסטער מיט די זעלבע צוויי פיגורן, וואָס קושן זיך אַזוי הייס, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזען אין סאַבוויי און מיט אַ גרויסן אויפשריפט „די מיסטעריע פון אַ גענגסטער".

מיינע פיס פירן מיך אין מואווי. איך קויף אַ טיקעט און גיי אַריין אין פינצטערן חלל. איך טאַפּ אַ וועג צווישן די פינצטערע רייען שטולן, טאַפּ אַקסלען, פנימער קעפּ, איך טרעט אויף פיס, זעץ זיך אויף קאַפּעליושן, אויף קני. אַ יידענע שפּרינגט אויף און זידלט מיך מיט די ערגסטע ווערטער און אויך איר מאַן שרייט אויף זיין וויב:

— וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, סאַראַ, אַז אום זונטיק גייט מען ניט אין קיין מואווי! גאָד דעם!

פון דער פינצטערניש שושקעט מען צו מיר:

— ששש!... ששש!... איך דערפיל אַ שטאַרקן ווייטאָג. אַ דאַמע שטופּט זיך פאַרביי און טרעט מיר אָן אויף מייר בעסטן הינער־אויג — דאָס לעבן ווערט מיר אינטערעסאַנט. זי ענטשולדיקט זיך, נעמט מיך אָן ביים אָרעם און זעצט מיך אַוועק אויף אַ פרייען פּלאַץ נעבן זיך, ביי דער זייט.

דאָס בילד אופן לייוונט ווערט שוין קלאָרער און דייטלעכער. איך דערזע אַלע העלדן, וואָס באַוועגן און טרייסלען זיך דאָרטן, ווי פּעטשאַ. עפּעס באַקאַנטע מענטשן, באַקאַנטע האַנדלונגען, באַקאַנטע לידלעך... שטייט נאָר, דאַכט זיך, אַז איך האָב שוין דאָס געזען: אַ דריטראַנגיקער נאַכט־לאָקאַל אין בראָנזוויל... אויף דער בינע טאַנצן מיידלעך אַ קאַן־קאַן. אַ גרויסער עולם פון גענגסטערס און פיראַטן. ביי אַ טישל זיצט

אַ פּאָרל, טרינקט שאַמפּיין און קושט זיך. די זעלבע צוויי פאַרשווינען, וואָס איך האָב געזען אויפֿן פּאָסטער אין סאָבווײ. ער איז דער גענגסטער, איך געדענק אים. און זי איז אַ טאָכטער פֿון אַ מולטי־מיליאָנער, אַ מאַגנאַט פֿון טאָילעט־פּעיפּער.

דער עולם טאַנצט רומבאַ. עס קומט צו אַ קאָו־באָי און פֿאַרבעט דאָס מיידל צום טאַנצן. דאָס מיידל וואַרפֿט אויף אים אַ טעלער רייז־פּודינג, פֿאַרכליאַפּעט אים דאָס גאַנצע פּנים. עס ברעכט אויס אַ געשלעג. עס לויפֿן זיך צוזאַמען גענגסטערס, קאָו־באָיס, פֿייערלעשער, אַפּאַשן, נאַציס, פּיראַטן, אינדיאַנער און עס גייט אָן אַ שרעקלעכער גע־ראַנגל. מען ברעכט טישן, בענק און פֿלעשער. עס דערהערן זיך קנאַלן פֿון ביקסן. דער באַרטענדער קלינגט נאָך פּאָליס. עס דערהערט זיך אַ טרובען פֿון פּאָליס־אויטאָס. און מען אַרעסטירט דאָס גאַנצע געזעמל, צוזאַמען מיט דער פֿאַרליבטער פּאָר, וואָס האַלט אין איין קושן זיך.

עס קומט צולויפֿן דער פֿאָטער מאַגנאַט און דערוויסט זיך, אַז זיין טאָכטער איז פֿאַרליבט אין אַ גענגסטער. דער גענגסטער זינגט. זינגט אַ טרויעריק מאַראַלע הוגו וואוגי ליד און פֿאַרשפּרעכט פֿון היינט אָן צו ווערן אַ ראַביי. דער פֿאָטער זאָל נאָר דערלויבן אים חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער און געבן אים אַ דזשאָב אין זיין פֿעקטאָרי. דער פֿאָטער איז מסכּים דערצו. ער טאַנצט אַ דזשיג און גיט דעם מיידל אַ ברכה. דערביי גיסט ער זיך אָפּ מיט אַ שיסל רייז־פּודינג פֿון פֿריילעכקייט וועגן. דאָס פּאָרל קושט זיך ווידער, היינט צום זיבן און דרייסיקסטן מאָל (ווערדליג איך האָב איבערגעציילט). און דאָ קומט די ענדע.

אַוודאי וואָלט איך ניט געקענט אויסזיצן ביז צום סוף און זען אַן אַלט בילד. נאָר די דאַמע ביי דער זייט, אין דער טונקלקייט, אינטרי־גירט מיך. איך קען ניט זען רעכט איר פּנים. נאָר מסתּמא איז זי אַ סימפּאַטישע פֿרוי און זייער אַ צאַרטע און אַן אינטעליגענטע. עטלעכע

מאָל האָט זי זיך געטוליעט צו מיר. און בשעת דאָס פּאָרל אויפֿן לייוונט האָט זיך ליידנשאַפֿטלעך געקושט, האָט זי אַפֿילו אָנגעלייגט איר קאָפּ אויף מיין אַקסל און געקייט טשואינג־גאָם. ווער קען וויסן? אפֿשר איז דאָס מיין באַשערט גליק אין לעבן? אפֿשר הויבט איצט אָן אויפֿגיין מיין מאָרגנשטערן? אויס עלנטקייט. אויס איינזאַמקייט. באַלד וועל איך שפּאַצירן מיט אַ ניי ווענז, האַלטן זיך ביי דער האַנט און זי מיך ביי מיין טאַליע. און אפֿשר איז טאַקע באַשערט אַז מיין לעבן זאָל ווערן אַנ־געפּילט מיט זין.

נאָר וואָדען? בשעת זי טוליעט זיך צו מיר, פֿיל איך אַז איר פּנים איז באַוואַקסן מיט אַ באָרד און וואָנסעס און דאָס שטערט די צערטלעכקייט. און די זיסע האַרמאָניע פֿון אונדזער גייסטיקן גליק. נאָר עס אַרט מיך נישט. אַדרבא, עס איז גאָר פֿאַר מיר דווקא אַ ליבלעכע זאַך, איך וועל איר אַליין ראַזירן. איך וועל קויפֿן אַן אַבצוואַנגעלע און איר אויס־צופּן די איבעריקע האָר פֿון פּנים און אַן עלעקטרישע מאַשינקע, אַ מין וואַקום, אָדער אַ פּראַשעק אַזאַ און וועל אַרויסרייסן איינציקווייז אַלע האָר ביז איינס און וועל דערווייל האָבן אַ טאָג אַרבעט און אַראָפּשטופּן דעם אומגליקלעכן וואַקיישאַן־טאָג מיט אַנגענעמע אַרבעט.

## זונטאָג, 3:05 נאָכמיטאָג

אַן איבעררייס. מיר וואַרטן אויף אַ צווייט בילד. מיר זיצן.

נאָר זי רעדט עפּעס גאַרנישט. אפֿשר וועט זי עפּעס זאָגן. איך וואָלט וועלן כאַפּן מיט איר אַ געשפּרעך, הערן איר קול.

אַהאַ, זי זאָגט שוין עפּעס.

אוי, איז דאָס אַן אַרטיסט! הערט איר, מיסטער, קאַראַל זוגי! קען ער זיך קושן, ווי אַ מלאך! ער איז דאָך אַ סטאַר, אַן אמתער שאַרל באָיע אָדער קלאַרק גייבל!

— אַ גרויסער קושער? — מאַך איך.

— שור.

— ער מאַכט אַ לעבן?

— אויף מיר געזאָגט געוואָרן אַזאַ לעבן... ער נעמט אפשר צען טויזנט דאָלער פאַר אַ פיקטשע.

איך דערפרייי זיך. אַהאַ, מען הערט שוין אַ ציפער.

— און וויפל קושן מאַכט ער אין אַ פיקטשע?

— עס ווענדט זיך וועלכע קושן, מיסטער. וואָרים פאַראַן אַלערליי קושן. הייסע און קאַלטע, לאַנגע און קורצע. מיט לײדנשאַפט און אַן לײדנשאַפט, מיט גלעמאָר און אַן גלעמאָר, מיט פעפ און אַן פעפ. קושן דאַרף מען קענען! פאַראַן קושן פראַנצויזישע און איטאַליענישע און שפּאַנישע! פאַראַן אַ קוש וואָס רעדט אַ סך, פאַראַן אַ קוש וואָס רעדט ווייניק. וואָרים מיין ערשטער באָס פון 5־און־10־סענט־דעפּאַרטמענט־סטאָר אויף שיפּסהעדבעי, וואו איך האָב געאַרבעט, האָט מיר געזאָגט, אַז אַ קוש איז די שפראַך פון ליבע. און מיין באָס פון שוה־סטאָר אויף דילענסי האָט מיר געזאָגט, אַז אַ קוש איז ווי אַ שור־לייס: עס בינדט צונויף צוויי הערצער און צוויי נשמות מיט ליבע און לײדנשאַפט. ביי אייניקע בינדט עס צונויף אַ קנופּ און ביי אַנדערע בלויז אַ שלייף. און אַ דריטער, מיין באָס פון אַ לאַנטשענעט און קאַפע־שאָפּ, וואו איך האָב געאַרבעט, האָט געזאָגט, אַז אַ קוש מוז זיין גוט ווי טיי: שטאַרק, זיס און הייס.

— און וויפל מאַכט אויס פון דער פיידע אַ קוש?

— עס ווענדט זיך אַ וואָסער קוש. פֿאַראַן אַ קוש מיט ברען און פֿאַראַן אַ קאַלטער קוש, אַ געפּרווירענער קוש, אַ לעבלעכער קוש. פֿאַראַן אַ קורצער קוש און אַ לאַנגער קוש פֿאַראַן אַ קוש, אַ גייסטיקער קוש. אַזאַ קוש הייסט טרודוליקאָך. פֿאַראַן אַ פֿאָטערלעכער קוש, אַ פּאַעטישער קוש, מיט ראָמאַנטיק, און אַ קוש מיט סעקס, ווי ביי שעוואַליע. פֿאַראַן אַן ענגעידזשמענט־קוש, פֿאַרן ענגעידזשמענט און נאָכן ענגעידזשמענט. פֿון וועלכן קוש האַלט איך? איך האַלט פֿון סאַדיסטישן קוש, ווי דיאַנאַ דוירבין. מען רופֿט מיך די צווייטע מאַרלענע דיטריך. איך בין דאָך אַ סאַדיסטקע. איך וואָלט אייך דערוואָרגן... אַ—אַ!

— פֿאַרדן מיר, ליידי, איך בין נישט באַקאַנט מיט דער תּורה פֿון קושעניש. ביי מיר איז דער עיקר דער חשבון. איך בין דאָך אַ בוכהאַלטער. ביי מיר איז דער עיקר מאַטעמאַטיק. די אונטערשטע שורה!

— און ביי מיר איז דער עיקר קונסט! איך בין דאָך פֿון נאַטור אַ קינסטלער־פּערסאָנאַליטי! ביי מיר איז בען קעני העכער פֿון טויזנט בוקקיפּערס און פֿאַר מיקי רוניס אַ נאָגל וועל איך אַוועקגעבן די גאַנצע מאַטעמאַטיק.

— ווי, זאָגט איר, הייסט ער? מיקי — ווי?

— מיקי ראָני. איר האָט גאָרניט געהערט פֿון אים? ער איז דאָך אַ גרויסער דאָן זשואַן מיט אַ סעקס־אַפּיל, און אַ גרויסער פּרעסער פֿון פֿרויען־הערצער ווי גערי קופּער.

— און אַ חשבון צעקייען קען ער? וועט ער צונויפֿברענגען צוויי שטיקלעך ריעל עסטייט ווי איינשטיין אָדער קופּערניק דער גערי קופּער?

— ווער איז ער דער קופּערניק אייערער? וואו וואוינט ער? אין האָליוואוד?

— ער מוז וואוינען ערגעץ אין פּאַריז. ער איז דאָך אַ גרויסער הימל־קוקער. ער קוקט אויפֿן הימל און ציילט די שטערן. ער ציילט זיי

איבער און פֿאַרשרייבט זיי אין אַ בוך. כּדי מען זאָל זיי נישט צוגנבֿענען. אַט אַזאַ בוכקיפּער איז עס, און זאָל אייער מיקי ראָני וועלן אָנקומען צו אונדז אין ריעל עסטייט אָפּיס אויף אַ דזשאָב וועט מען אים נישט אַריינ־לאָזן.

— און זאָל אייער קופּערניק וועלן טאַנצן אַ רומבאַ אין אַ מיוזיק האָל וועט מען אים אַרויסטרייבן.

— און איך פֿייף אויף אייער מיקי ראָני מיט זיין רומבאַ

— און איך פֿייף אויף אייער הימל קוקער און בעל־חשבון קו־פּערניק און איינשטיין.

— איך האַלט נישט פֿון קונסט. איך האָב עס אין דר׳ערד, עקסקיוז מי.

— און איך האָב אין דר׳ערד די בוכאַלטעריע!

עס האָט מיך אויפֿגעריסן ווי אַ באָמבע. איך האָב געכאַפּט די פּיס אויף דער פּלייצע און זיך געלאָזט לויפֿן. איך האָב זיך דורכגעריסן דורך די גאַנצע רייען באַזעצטע שטולן און אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן גאַס, ווי פֿון אַ שׂרפֿה.

איך בין געלאָפֿן צו זיך אין האָטעל. געציטערט צי לויפֿט זי נאָך ניט נאָך. כ׳בין אַריין אין לאָבי. זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל. אויפֿן טישל איז געלעגן אַן אַלטער טעלעפֿאָן־דירעקטאָרי־בוך. איך האָב אויפֿגעעפֿנט דאָס בוך און גענומען לייענען. אָפּגעלייענט אַ גאַנצע זייט און געפֿונען, אַז דאָס בוך איז זייער אינטערעסאַנט.

האָרט ביי דער זייט זיינען געזעסן צוויי ווייבער און האָבן דערציילט איינע דער אַנדערער דעם אינהאַלט פֿון דער נאַר וואָס געזעענער מואווי־פּיקטשע. האָב איך באַשלאָסן גאָר אַרויפֿגיין צו זיך אין צימער. נאָר וואָס וועל איך טאָן ביי זיך אין צימער איינער אַליין? איך ווייס,

דאָס בעט איז נישט פֿאַרבעט, זונטיק פֿאַרבעט מען נישט די בעטן, און עס טראָגט פֿון דאָרט אַזאַ אומעט, פֿון די ווענט, פֿון טיש, פֿון אַלץ. ענדלעך בין איך אַרויף צו זיך. איך האָב גלייך אויפֿגעהויבן אַ שטול, אַרומגעקוקט, אַרומגעטאַפּט. פֿון וואַנען טראָגט זיך דאָ דער אומעט?

וואָלט כאָטש געווען אַ שטיקל בריוו פֿון עמיצן. נאָר קיין בריוו וואַרט אויף מיר נישט. זונטיק טראָגט מען דאָך נישט די מייל. ווען איך האָב עמיצן, שפּיל איך מיט אים אַ פּינאָקל. נאָר וואו נעמט מען אַ פּאַרטנער? אפֿשר גאָר מיט זיך אַליין שפּילן אַ ראָמי? פֿאַרוואָס טאַקע נישט מיט זיך אַליין? איך נעם אַרויס אַ טעשל קאָרטן און נעם שפּילן מיט זיך אַליין ראָמי. איך אַמפּער זיך מיט מיין פֿיקטיוון פּאַרטנער, רוף אים אָן פֿושער און פֿייקער, ווער צוריק שלום.

איך וואַרף אַוועק די קאָרטן. וואַרף זיך אַריין מיט מיין גאַנצן אָנ־טועכץ אין בעט אַריין. דערלאַנג אַ לאַנגן גענעץ. גיב זיך אַ קלאַפּ איבערן מויל, טרייב אַריין אַ האַלבן גענעץ צוריק אין מויל אַריין. כאַפּ זיך אַראָפּ פֿון בעט און זעץ זיך אין מיין וויג־שטול. צי אויס מיינע פֿיס צו דער קעגנאיבערדיקער וואַנט אַזוי, אַז די נעזער פֿון מיינע שיך רירן אָן די וואַנט. און טראַכט: אוי, איז מיר אומעטיק.

און איצט דאַרף מען אַריינשטעלן אַ ליד וואָס זאָל אויסדריקן דעם גרויסן אינהאַלט פֿון גענייץ...

## דער גענייץ

(אַ ליד)

ווי טרויעריק איז דער מענטש
מיט זיין עקזיסטענץ
ווען איבער אים און אַרומעט

טראָגט זיך אַן אומעט
און אַ גרויסער געניץ
און ר׳איז ברייט אַן אַ גרעניץ
אַ — — — אַ — — — אַ — — — !

*

אָ, דער מענטש ווערט געדריקט
און געשטיקט
ווי אַ גאַנצע ראָטע
שדים זאָלן זיצן אויף זיין קאַרק
און זיי דריקן אים אַראָפּ,
אַראָפּ פון מאַרק.

*

און ער טוט
זיך ברעכן אונטער
טויזנט פוד
פון לאַנגווייל
און נודאָטע —
און פון יאוש
און גריזאָטע.

*

און עס דריקט אים צו אַ כמאַרע
און עס שטיקט אים צו אַ פּאַרע
און פאַרשטעלט אים ערד און הימל
אין אַ נודנעם וויסטן דרימל,
און דאָס גאַנצע לעבן
אַזוי פּעסימיסטיש פּוסט און סמוטנע
געניצדיק און קאַלאַמוטנע.
אַ־אַ ! — — — אַ — — — אַ — — — —

## זונטיק פֿון 5 ביז 5:30 נאָכמיטאָג

פֿאַר דער צייט איז גאָרנישט געשען אַחוץ וואָס איך בין געלעגן פּוסט, וויסט און געטראַכט: אוי, איז מיר נודנע.

## זונטיק פֿון 5:30 ביז 7 אָוונט

איך האָב זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און זיך ווידער געלאַנגווייליקט. איך האָב באַטראַכט די אָפּגעבליאַקעוועטע ווענט, מיט די אָפּגעקראַכענע בלומען און פֿייגל, און נאָך אַזעלכע חיות וואָס מען געפֿינט עס גאָרנישט אין דער נאַטור... איך האָב געקוקט אויף מיין אָרעמע אויסשטאַטונג, אויף דעם שאָטן פֿון מיינע וואַכעדיקע הויזן אויף דער וואַנט, אַ קוק געטאָן אויף דעם אָפּגעריבענעם ניקלענעם וועק־זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויף מיין הינקערדיקן נאַכט־טישל ווי אויסגעגאַנגען, טויט.

איך האָב מיט אים באַקומען מיטלייד און האָב באַשלאָסן כאַפּן מיט אים אַ שמועס, זאָגן אים אַ פֿריינדלעך טרייסט־וואָרט, און אויס־טשוכען און אויפֿמונטערן אים פֿון זיין דערשלאָגנקייט. און פֿאַרוואָס טאַקע ניט כאַפּן אַ שמועס מיט אַ זייגער? האָסט דען עפּעס אַ נענטערן שטוב־פֿריינט, וואָס האָט דיר אַזוי לאַנג געדינט?

— וואָס איז, האַרציקער — האָב איך אָנגעהויבן הנאה האָבנדיק פֿון מיין קול — ביזט נעבעך אַזוי אומעטיק, אַז עס איז אַ רחמנות אויף דיר צו קוקן. מיר ביידע זיינען פֿאַרנודיעט. ביזט נעבעך אויך אַ קרבן פֿון מיין וואַקיישאָן, האַ?... נישט דו גייסט, נישט דו קלינגסט, נישט דו וועקסט. מען הערט פֿון דיר נישט אַפֿילו קיין טיק־טאַק, קיין שטיקל קלונג, ביזט טויט, ווי אַלע טויטע. דיינע שוואַרצע ווייזער

זיינען, ווי שוואַרצע קנויטן אויף אַ פּנים שאַרף אויסגעשניטן און אַראָפּגעלאָזן אויף אַרונטער, צו די ציפערן 6 און 7, וואָס מאַכן דיין פּנים אַזוי פאַראומערט. זאָל איך דיך אפשר אַנציען?

— ווייס איך? ווער דאַרף עס? — האָט דער זייגער אָפּגעקרעכצט מיט אַ כריפּעוואַטן קול.

— און ווי לאַנג איז דאָס געווען — האָב איך ווידער גערעדט — ווי דו האָסט געלעבט, געוועקט, גערעשט? איך האָב האָפערדיק אָנגעטאָן מיינע קליידער, זיך געאיילט צו דער אַרבעט, און דו האָסט געקלונגען, געיובלט, געשפּילט, האָסט דערלאַנגט לשון. היינט שוויגן מיר ביידע. היינט דאַרפן מיר נישט איינער דעם אַנדערן. נישט איך דיר, נישט דו מיך. לאָמיך דיך פאַרט אַנדרייען.

— צו וואָס?

— זאָלסט כאָטש אַ קלונג טאָן.

— ווער דאַרף עס?

— זאָל עס דערמאָנען די אַלטע גוטע צייטן.

— עס וועט בלויז צערייצן. שיטן זאַלץ אויף די וואונדן, ווי אין פּסוק שטייט: ושר בשירים על לב רע. (ער איז געווען אַ למדן, מיין וועק־זייגער).

— איז טאַקע ביטער — האָב איך מסכים געווען — מיר ביידע, ברודער, זיינען אויף צרות.

— און ווי לאַנג וועט עס נאָך אַזוי דויערן?

— נאָך דריי וואָכן.

— נאָך דריי וואָכן?! — האָט זיך דער זייגער אָנגעכאַפּט מיט די ווייזערס ביים קאָפּ. — מיינע געדערים וועלן דאָך פאַרזשאַווערט ווערן, פאַרשטויבט ווערן, מיינע אברים וועלן אַנטשלאָפן ווערן.

— און איך וועל פאַרשימלט ווערן... אַ שאָד, וואָס דו שטייסט,

מען קען נישט וויסן ווי שפּעט עס איז. דאַכט מיר, אַז דאָס האַרץ ציט מיר. דאַכט מיר, אַז איך בין שוין אַ ביסל הונגעריק.

— און איך בין גראָד נישט הונגעריק. עס איז אַזוי לאַנגווייליק, אַז קיינער קומט נישט צו מיר, אַפילו דער הונגער...

— פֿונדעסטוועגן וועל איך דווקא אַראָפּגיין און עפּעס נעמען אין מויל אַריין. איך זאָל ליגן און דו זאָלסט שטיין איז גאָר קיין תּכלית נישט.

איך טרייסל פֿון זיך אַראָפּ דעם דרימל און שלעפּ זיך ווידער אַראָפּ אין גאַס. איך לאָז זיך אין אַן אַנדער ריכטונג פֿון איסט ריווער. און דאָ איז ליידער אויך יום־טובדיק. איך לייען ווידער די סיינס אויף די סטאָרס, באַגעגן ווידער מענטשן, אַ סך מענטשן, וואָס גייען מיך נישט אָן און איך גיי זיי נישט אָן. און אָט דערזע איך זייער אַ באַקאַנטן טויער. און אַ באַקאַנטן סיין. און אַ באַקאַנטן איינגאַנג. איך דערקען אַפילו דעם אָפּגעריבענעם שילדל.

נו יאָ, אויפֿן דריטן שטאָק געפֿינט זיך דאָך מיין אָפּיס. דאָ אַרבעט איך. ווי וואָלט איך אַרויפֿגעגאַנגען אין מיין אָפּיס, זיך געזעצט ביי מיין דעסק אַ ביסל אַרבעטן, אַרויפֿגעכאַפּט זיך אַהין, און דאָרט איז איצט רואיק און פּוסט און ליידיק. קיין לעבעדיקע נשמה נישטאָ. איך וואָלט איצט געזעסן אויף מיין לופֿט־קישעלע ווי אַ גראָף, געאַרבעט, געמאַכט מיינע חשבונות, געזוכט דעם טעות און זיך מחיה געווען... נאָר גיי מאַך, אַז דו ביסט נישט אין דיינע הענט, נאָר אין רשות פֿון דער בייזער מענטשהייט. ביזט פֿאַרקויפֿט, פֿאַרשקלאַפֿט. און מענטשן זיינען שלעכט, פֿאַרדאַרבן. נעמען פֿון דיר אַוועק דאָס רעכט פֿון דיין זיסער אַרבעט. ווילן נאָר, אַז דו זאָלסט יום־טובן, אַז דו זאָלסט פֿינצטערן אין דיין פֿריי־

הייט און אַ וואַקיישאַן האָבן זיי פֿאַר דעם ערלעכן אַרבעטער געשאַפֿן!... אומברענגען דאַרף מען אַזאַ וועלט, אַן אַטאָם־באָמבע אויף זיי, אור־אור־אַ...

איך האָב גענומען שטעלן האַרטע צאַרנדיקע טריט. אויפֿגעשטעלט דעם קאַלנער, אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס און נישט אויפֿגעהערט צו שילטן די וועלט מיט טויטע קללות.

איך הער זיך צו צום האַרצן. דאַכט זיך, אַז עס צופּט אַ ביסל, משמעות איך בין אַ ביסל הונגעריק... און מען דאַרף עפּעס עסן. וואָס זשע וויל איך עסן? אָט איז אַן איטאַליענישע פּעזעריע. אין פֿענצ־טער זע איך „שפּאַגעטי”. איך דערמאָן מיך: עפּעס אַ חכם האָט ערגעץ געזאָגט, אַז אַ מענטשן איז קיינמאָל נישט לאַנוויילִיק, ווען ער עסט שפּאַגעטי: ביים עסן שפּאַגעטי מוז מען זיין אַריינגעטאָן, טעטיק, פֿאַר־נומען, אויפֿמערקזאַם און אַרבעטן אויף ביידע באַקן, מיט ציין און גומען און אַלע חושים.

איך גיי אַריין און באַשטעל אַ פּאָרציע שפּאַגעטי. עס איז אַ גאַנצע פּאָרציע, נאָר פֿריילעכער ווערט מיר נישט. אַדרבה, עס ווערט מיר נאָך אומעטיקער.

איך זיץ ביים טישל, צייל די פֿירעקיקע קאַכלעס פֿון דער פּאָדלאָגע, ווי אַ שאָך־ברעט. איך באַטראַכט דאָס געשיר אויפֿן טיש. איך נעם דאָס זאַלץ־מעסטל, באַקוק עס פֿון אַלע זייטן און באַמערק, אַז די לעכלעך זיינען פֿאַרשטאָפּט און מען קען שוין קיין זאַלץ פֿון איר נישט שיטן, נעם איך אַ טוט־פּיק דורכצושטעכן די לעכלעך און האָב געפֿונען, אַז עס איז אַ גאַנץ פֿריילעכע אַרבעט.

נאָכן שפּאַגעטי איז מיר געוואָרן נאָך ערגער. אין דער דאָזיקער צייט ווערט די נודנעקייט אַזוי אויסגעצויגן, קלעפּיק ביז צום חלושן.

עס דאַכט זיך מיר, אַז ווען איך קריג פּלוצלינג אַ צאָן־ווייטאָג, וואָלט איך זיך מחיה געווען... עס איז דער צושטאַנד, ווען מען הויבט אָן צו בענקען אַפילו נאָך אַ נודניק. ובאמת, ווער זאָגט עס, אַז אַ נודניק איז אַ שלעכטע זאַך. אַדרבה, אַ נודניק איז אויך אַמאָל אינטערעסאַנט. זאָל ער נודיען, ווען ער הערט אויף איז דאָך ערשט אַ פאַרגעניגן.

און איך האָב דאָ דאָך טאַקע מיין באַקאַנטן נודניק. אַ שכן, וואָס ווען ער וואָלט נישט געווען, וואָלט מען אים באַדאַרפט אויסטראַכטן.

נו יאָ, אָט איז ער דאָך טאַקע דאָס יידל מיט די געלע ציין, מיט די אויסגעקראַכענע ברעמען. ער איז באַקאַנט אַלס אַזאַ נודניק, וואָס אַז ער דערלאַנגט אייך די האַנט פילט איר צווישן די פינגער אַ שטיק נוד־נעקייט. ער חזרט איבער צוויי מאָל אַ וואָרט. ער קומט צו מיין טישל און מאַכט מיט פרייד:

— הי — — — הי, איר עסט שפּאַגעטי, עסט איר? אַ וווקוסנע זאַך שפּאַגעטי, דעלישעס! נאָר קיין גרויסע גליקן קען מען דערפון נישט מאַכן. דערפאַר טאַקע האָט מיין קאַזין סאַלאָמאָן נישט געוואָלט עפענען קיין לאַנטשענעט, נאָר אַ שו־רעפערינג־שאַפּ. וואָרים דאָס וואָס איר מאַכט פון אַ לאַטע אָדער פון איין פּאָר פּאַדעשוועס, ווער איר נישט מאַכן פון צען פּאָרציעס שפּאַגעטי... וואָרים פּאַדעשוועס מאַכט מען דאָך היינט פון קראָקאָדיל־פעל. איז דער רעכענונג אַ פשוטער: וויפל קאָסט היינט אַ קראָקעדיל? איר ווייסט נישט? איך ווייס אויך נישט. נאָר איך בין משער אַז אַ קראָקעדיל קאָסט היינט טויזנט דאָלער. און וויפל וועגט אַ לעמפערט? דאָס ווייסט איר אויך נישט? אַ לעמפערט וועגט אפשר אַ טויזנט פונט. וויפל לאַטעס קען מען מאַכן פון אַ פונט? אפשר 5 הונדערט לאַטעס. 3 דאָלער אַ לאַטע. מזומנים. אַנו, מאַכט עס פון שפּאַגעטי?! אַ גנעכטיקער טאָג. איר וועט עס נישט מאַכן!... ס'איז נאָר נישט גוט, וואָס פון דער אַרבעט ביי קראָקאָדיל־פעל האָט מיין קאַ־

זין געקראָגן אַ הויכן בלוט־דרוק. דאָקטוירים הייסן אים עסן פּאַמפּקין־פּיי מיט רייז, וואָס טרייבט אַראָפּ אַ הויכן בלוט־דרוק... איז אָבער נישט גוט, וואָס פּאַמפּקין־פּיי קאָסט ביים היינטיקן קריזיס אַ פּאָרטשון. נאָר איך האָב שוין פאַר אים געפונען אַ נייע ביזנעס, אַ גאָלדענעם ביזנעס. איר ווילט הערן? וואָס איילט איר זיך אַזוי? איר לויפּט שוין אַוועק?...

איך בין אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. איך גיי ווייטער, איך גיי ווידער פאַרביי דעם אָפענעם נישט־פאַרבויטן פּלאַץ. דאָ פאַרריכט מען אַן אַלטן בנין. האַרט דערביי שטייען ווידער די צוויי בחורים און וואַרפן אַ באַל איינער צום אַנדערן. זיי האַלטן שוין ביי „זיבן טויזנט ניין הונדערט און אַכט און ניינציק, זיבן טויזנט ניין הונדערט און ניין און ניינציק, אַכט טויזנט, אַכט טויזנט און איינס, אַכט טויזנט און צוויי, אַכט טויזנט און דריי”...

מען ציילט מען רעדט פון ציפערן, אָבער איך זע עס נעמט נישט קיין עק און קיין תכלית, מען זעט נישט קיין אונטערשטע שורה... לאָז איך זיי איבער מיט דעם שפּיל. איך לאָז עס איבער און גיי ווייטער. איך גיי פאַרביי אַ פּלויט און צייל איבער די שטאַכעטן.

און באַלד האָט שוין גענומען טונקעלן אויף אָוונט. די זון אַ פאַרריכערטע האָט זיך שוין גענומען זעצן צום ריווער. נאָר דאָ צווישן צוויי פאַבריק קוימענס האָט זי זיך פאַרטשעפּעט און אָפּגעבראָכן אַ שטיקל זון און קען זיך נישט אַרויסקריגן. דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין אָנגעצונדן די נעאָן־סיינס. די טראַפיק־לאַמטערנס האָבן געביטן זייערע קאָלירן. ווייבער שטופּן זייערע קינדער־וועגעלעך אַהיים. איך לאָז זיך אויך אַ היים. פון קלויסטער־טורעם האָט ווי אַראָפּגעקלונגען דער זייגער. אַ קוואָדער צו זיבן.

איך האָב געקוקט אַרויף צום הימל, געוואָלט איבערציילן עטלעכע שטערן, נאָר דער הימל איז געווען פֿאַרנעפּלט מיט פֿאַרנאַכטיקע שלייער — יאָ, טאַקע דער זעלביקער הימל נאָר אַנדערש געשלייערט.

## פֿון דריי פֿערטל אויף ביז 8 אָוונט. ענדע פֿון נודנעם טאָג.

דער עלעוויטאָר־באָי גיט מיר איבער פֿיר בריוועלעך און מעסע־דזשעס, וואָס פֿיר דזשענטל־לייט האָבן פֿאַר מיר איבערגעלאָזן. איך עפֿן אויף די בריוו און לייען.

איין בריוו איז פֿון מיין פֿריינט טומאַרקין. ער שרייבט:

הער נאָר, לאַכודרע, וואו ווערסטו דאָס פֿאַרפֿאַלן גאַנצע טעג? מען קען דאָך דיך אין דער היים ניט טרעפֿן. אַן אבן טוב און פֿאַרטיק. איך האָב דיך שוין געפּרוואווט אַ פּאָר מאָל אָפּרופֿן אין טעלעפֿאָן, ביסטו נישטאָ און נישטאָ. דו לעבסט אַ טאָג, האַ? איך האָב היינט געהאַט אַזאַ נודנעם טאָג! אַזאַ טאָג זאָל זיך שוין נישט אומקערן. איך האָב געוואוסט, אַז דו ביסט אַן עגאָאיסט און אַ רשע. אַבי דיר איז גוט. דו פֿאַרברענגסט זיך אַ טאָג! שמאַליעסט אַ וועלט! און דיינע פֿריינט מעגן אויסגיין פֿאַר אומעט, פֿאַר עלנטקייט... פֿע, נישט שיין! און איך קען דיך נישט אַנקוקן. ווייז זיך מער נישט.

דיין טומאַרקין."

דער צווייטער בריוו איז פֿון מיין פֿריינט אין גרינוויטש ווילעדזש.

„שמענדערמאַץ! וואָס טוט זיך מיט דיר? ביסט געשטאָרבן, צי דו לעבסט? ניט מען הערט, ניט מען זעט דיך. איך ווייס, אַז דו האָסט

ניט מיין טעלעפאָן, אָבער שרייבן האָסטו דאָך געקענט? ווי שרייבט מען דאָס נישט קיין פּאָסט־קאַרטל צו אַן אַלטן חבר? איך האָב צו דיר היינט געקלונגען, ביסטו אין דער היים נישט געווען, האָב איך זיך מטריח געווען און בין צו דיר אַליין אַרויפגעקומען אין האָטעל, האָב איך דיך נישט געטראָפן. האָסט מסתמא דיינע באַקאַנטע הייזער, אָדער אפשר גאָר אַ ליבע, פּראַוועסט שמחות און וואַקכאַנאַליעס און קאַרניוואַלן, דאָס גוטע יאָר וויסט דיך. איך בין נאָך אַלץ עלנט ווי אַ שטיין. האָב נישט וואו אַ טיר צו עפענען. ווייסטו וואָס עס הייסט, אַז אַ מענטש האָט נישט אפילו וואוהין אַריינצוגיין? איך בין דאָס דער אני הגבר. דריי זיך אַרום אַ גאַנצן זונטיקדיקן טאָג, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער יתום. אַז פאַרברענט זאָל עס ווערן. די גרויסע שטאָט. ווי עלנט מען איז דאָ! אַזאַ שטאָט מיט מענטשן און אַלע נודיען זיך, אויב דו ניט, ביסטו אַן אויסנאַם... אָבער איך פאַרזיכער דיך, אַז מיליאָנען מענטשן ווערן דאָ משוגע פון נודאָטע. עך, ברודער־לעבן, ס'איז פּאַסקודנע... נו, זיי געזונט און לאָז זיך הערן.

דיין דאָדע פלאָטקין.״

דער דריטער בריוו איז געווען פון מיין פריינט דעם ציגאַרן־מאַכער, גדליה שימקעס. ער לייענט זיך אַזוי:

„טייערער לאַפּיטוט.

דו הוליעסט, האַ? צוויי מאָל האָב איך צו דיר היינט געקלונגען און ביידע מאָל דיך ניט געטראָפן, האָב איך מטריח געווען מיין עלטער און בין צו דיר אַליין אַרויפגעקומען און ווידער ניט געטראָפן. אויס־געטריקנט געוואָרן. געוואָלט מיט דיר כאָטש פאַרטרייבן די נודנעקייט אַ פּאָר שעה און מאַכן אַ שאָך. איז מיר געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. בכלל גייט מיר לעצטנס מיט דער פוטער אַראָפּ. די גאַנצע וועלט איז מיר ניט צום האַנט...

דו ווייסט, איך האָב דאָך שוין חתונה געהאַט. שוין 7 חדשים, אַז איך האָב אַ ווייב. זיצן מיר ביידע אַ גאַנצן טאָג אין דער היים און נודיען זיך. ווייסטו, וואָס הייסט זיך נודיען מיט אַן אייגן ווייב? הלוואי זאָלסטו דערצו נישט געפּרואווט ווערן. היינט האָבן מיר אויף דיר געוואָרט, ווי אויף משיחן. ווען דו קומסט אַרויף, זעצסטו אונדז אַריין אַ נייע נשמה.

דו וואונדערסט זיך, ווי ווערט עס אַ ווייב נמאס אין זיבן חדשים. זאָלסטו זיך נישט וואונדערן. אַט וואויינט מיינער אַ פּעטער מיט אַ ווייב שוין 38 יאָר, און ער האָט זי נאָך אַלץ — פֿיינט. און מיין ווייב איז מיר שוין מיאוס געוואָרן ווי אַ ביטערע ציבעלע. איך האָב אַפּילו פֿיינט געקראָגן אַנדערע ווייבער, ווייל זיי דערמאָנען מיר מיין ווייב.

די זעלבע צוויי מענטשן, איך און מיין ווייב. אַז מיר פּלעגן זיצן אַזוי פֿאַר דער חתונה ביחדות און דו פּלעגסט אַריינקומען, וואָלטן מיר דיך דעמאָלט צעריסן ווי אַ הערינג און אַרויסגעוואָרפֿן אויף צוויי שפּענדלעך. אָבער היינט וואָלטן מיר זיך דיר געוואָרפֿן אויפֿן האַלדז. אוי, ווי נודנע עס איז מיט אַן אייגענער ווייב.

עד, ווען די אַלע דערפֿינדער, וואָס זוכן גליקלעכע דערפֿינדונגען אין לעבן, וואָלטן אויסגעטראַכט אַ ניי מיטל, אַז אַן אייגן ווייב זאָל ניט נמאס ווערן, וואָלט עס געווען נאָך אַ גרעסערע דערפֿינדונג ווי אַ ניי־מאַשין אָדער אַ רעפֿרידזשערעידער, אָדער אַפֿילו אַ מיטל צו קענסער.

היינט נאָכמיטאָג האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין אין טעאַטער, טאָקע ניט ווייט פֿון אונדז. האָט מען אָבער דאָרט געגעבן עפּעס אַ קאָמעדיע האָט מיין ווייב נישט געוואָלט אַריינגיין. זי האָט פֿיינט קאָמעדיעס. זי איז אַ סעריאָזנער מענטש. זי האָט ליב טרויעריקע טראַגעדיע. זאָג איך, אַז מיט אַ גוטער טראַגעדיע האָט מיך גאָט שוין באַזאָרגט אין דער

היים. האָט זי מיר געוואָרפֿן די צוקער־פּושקע אין קאָפּ און איז אַנט־לאָפֿן. בין איך אַריין צו דיר, געוואָלט זיך אַראָפּריידן פֿון הארצן און דערציילן פֿון מיין פֿאַמיליע־גליק. ביסטו גאָר אין דער היים נישטאָ. וואו הוליעסטו גאַנצע טעג? נעם מיך אויך אַמאָל אויס. לאָז זיך הערן.

דיין גדליה שימקעס.״

אָבער די אמתע פֿרייד אָט מיר אַריינגעבראַכט דער פֿערטער בריוו. דאָס פֿערטע בריוול איז געווען פֿון מיין אָפּיס.

מען שרייבט מיר:

„טייערער מיסטער מעקס קימעל. מיר מעלדן אייך, אַז צוליב אַ נייער טראַנזאַקשאָן אין אונדזער ביזנעס ווערט אייער וואַקיישאָן אָפּגערופֿן און אָפּגעלייגט אויף אַ געוויסע צייט. איר מוזט דעריבער מאָרגן גאַנץ פֿרי זיין צוריק אין אָפּיס און פֿאַרנעמען אייער דזשאָב.

מיט אַכטונג, ריעל עסטעיט אָפּיס,

ראַכמילעוויטש.״

צוליב דער גרויסער פֿרייד־כוואַליע, וואָס האָט זיך צעגאָסן אי־בער אַלע מיינע אברים ווי שטאַרקער ווין, האָב איך נישט געקענט לייענען. ווי אַ גרויסער אומדערוואַרטעטער גליק וואָלט פּלוצלונג מיך געטראָפֿן און געפּלעפֿט... איך האָב זיך פֿאַרכליניעט פֿון דער גליק־לעכער בשורה — און עס האָט מיך געהויבן צום טאַנצן.

דאַנקען גאָט. מאָרגן פֿרי גיי איך שוין צוריק אין אָפּיס צו דער פֿריילעכער אַרבעט פֿון חשבונות און ציפֿערן, איך לעב שוין ווידער אַ טאָג! הוריי!

איך האָב אָראָפּגעריסן פֿון אַפּרייס־קאַלענדאַר דאָס רויטע בלעטל „זונטיק" און זיך געקוויקט מיט דעם נייעם בלעטל „מאָנטיק", וואָס וועט דאָ מאָרגן הענגען. איך האָב אויף דעם מאָנטאָג־בלעטל זיס אַ קוש געטאָן. איך האָב אָרויסגעלייגט די וואָכעדיקע קליידער נעבן בעט, צוגעגרייט אויף מאָרגן.

איך בין אָראָפּגעלאָפֿן אין גראָסערי און איינגעקויפֿט דעם מאָרגנדיקן ברעקפֿעסט. אָנגעזאָגט דעם גראָסערי־מאַן מיין גרויסע שמחה.

אָנגעדרייט דעם אַלאַרם־זייגער, ער זאָל וועקן מיט אַ האַלבער שעה פֿריער. האָב געריבן די הענט און אונטערגעטענצלט ביים געדאַנק, אַז איך גיי באַלד שלאָפֿן און מאָרגן גיי איך שוין צו דער אַרבעט אין ענגן, דושנעם אָפּיס אויף דער דריטער עוועניו, צו מיין דעסק.

איך בין אַריינגעשפּרונגען אין בעט און איינגעשלאָפֿן מיט אַ זיסן, גליקזעליקן שלאָף.